STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08612

EYNER FUN A SAKH

S. Mitzmacher

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. מיצמאַכער

✶

איינער פון אַ סך

אויטאָביאָגראַפישע נאָטיצן

פון אַ ליטעראַרישן בעל־חלומות

ש. מיצמאַכער

איינער פֿון אַ סך

פֿאַרלאַג
י.ל. פּרץ
ישׂראל

1970

S. MITZMACHER

AYNER FUN A SACH

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby str., Tel-Aviv

ש. מיצמאַכער

איינער פון אַ סך

פאַרלאַג י. ל. פרץ, רח׳ אלנבי 31, תל־אביב

©

נדפס בישראל תשל״א
Printed in Israel 1970

נדפס בקואופרטיב עובדי הדפוס הכללי בע״מ, תל־אביב

פאַר מיין מאַמע און שוועסטערס,
אומגעבראַכטע דורך די היטלעריסטישע באַרבאַרן
אַ מצבה

קאַפּיטל איינס

כּפי איך געדענק געוויסע מאָמענטן פון מיין קינדהייט, בין איך מסתּם געבוירן געוואָרן פריער ווי אין 1912. ווען מיינע עלטערן האָבן מיט יאָרן שפּעטער געלאָזט מיך אַריינשרייבן אין די מעטריקע־ביכער, בין איך שוין געווען אַ דערוואַקסן ייִנגל. מען האָט ביי אונדז נישט מדקדק געווען אויף אַזעלכע גענויקייטן... עלעהיי מען וועט דעם בן־יחיד רופן צו מיליטער־דינסט, ווען ער וועט שוין זיין אַ מער רייפער מאַנספּערשוין. און אפשר וועט גאָט העלפן מען וועט דווקא אים פאַרגעסן און אין גאַנצן נישט רופן צו דער פריזיוו. סוטסטוועי.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט אונדזער משפּחה אויסגעוואַנדערט פון אָזשאַראָוו און זיך באַזעצט אין אָפּט. אין מיין זכרון זענען ביז היינט נאָך פאַרבליבן אייניקע שרעקבילדער פון יענער קריטישער צייט. די מורא פון די שטעטלדיקע תּושבים פאַר די רוסישע קאָזאַקן, זייער אויפפּראַלן מיט געוואַלד די טיר פון אונדזער דירה, די פייער־פלאַמען וואָס האָבן ווי רויטע ליילעכער אַרומגעהילט די הילצערנע הייזקעס, וואָס די נקמה־דורשטיקע דייטשן האָבן אָפּטרעטנדיק אונטערגעצונדן. באַזונדעס האָב איך נישט פאַרגעסן דאָס בילד ווי מיר האָבן מיט אונדזער אָרעם געפּעק זיך אַריבערגעשיפלט דורך דער וויסל צום אַנדערן ברעג. מיר האָבן דעמאָלט איבערגענעכטיקט אין אַנאָפּאָל, אין יידיש רופט מען דאָס שטעטל ראַכיוו. צוזאַמענס האָבן מיר ווידער גענומען די בעבעכעס אויף די פּלייצעס און געלאָזט זיך ווייטער אין וועג אַריין. מיר האָבן נישט פאַרגעסן מיטצונעמען דעם גראַמאָפאָן מיט דעם שימערירנ־

דיקן, גרינעם הילכער וואָס דער טאַטע האָט מיטגעברענגט, ווען ער איז געקומען צוריק פון אַמעריקע. דאָס איז געווען דער ערשטער גראַמאָפאָן אין שטעטל. אַפילו די וואַרשאַווסקיס האָבן אַזאַ נישט געהאַט. ווען מען האָט אים אויפגעשפילט, זענען יידן געשטאַנען הינטערן אָפענעם פענצטער און באַוואונדערט ווי די כלי כישופט אַרויס פון זיך דעם מאַרש וואָס מען שפילט אויף יידישע חתונות, אַלט־רוסישע לידער און דעם ווינער וואַלס.

צו זעקס יאָר האָט מען מיך געשיקט אין חדר. אַביסל אויפגעוואַקסן — האָב איך געלערנט אין דער מאָדערניזירטער „מזרחי"־שול. דערנאָך מיט פאַרשפּעטיקונג געענדיקט די פוילישע „שקאָלע פּאָושעכנע".

מיין קינדהייט איז ווייט געווען פון צו זיין שפילעוודיק. טאַטע־מאַמע האָבן ליב געהאַט די קינדער, אָבער צופיל מיט זיי זיך נישט פאַרנומען. געברענגט צו דעם האָט אַוודאי די שטוביקע אָרעמקייט. ווען אַוורעמל דער בעלפער פלעגט מיט אַ הילצערן קעסטעלע אָנגעהאָנגען אויפן האַלדז מיטאָגצייט אַוועקגיין ברענגען פאַר די חדר־יינגלעך עפּעס צו עסן, וואָס די זאָרגפעלטיקע מאַמעס האָבן פאַר זיי צוגעגרייט, האָט ער שוין געוווסט מיך אַרויסצונעמען פון חשבון.

מיין מאַמע האָט אָפּגעשטאַמט פון אַ חזנישער משפחה. פון איר האָבן די קינדער געירשנט די געבענטשטע נייגונג צו נגינה. אין די יינגערע יאָרן פלעגט זי מיטזינגען אין כאָר וואָס מיין פעטער, אַ גוטער „נאָטן־פּרעסער" מיט פעיִקייטן פון אַ דיריגענט, האָט אין יענער צייט איינגעשטעלט. בכלל איז אָפט געווען אַ שטאָט מיט מנגנים. עס איז אומגעגאַנגען אַ ווערטל: אַפילו די אָפּטער שטיינער קאָנען זינגען. די מאַמע פלעגט אַלע מאָל פאַר אונדז האַרציק אויפזינגען די רעפּעטירטע לידער פון א. צונזער, א. רייזען, ח. נ. ביאַליק, מ. ראָזענפעלד, ד. עדעלשטאַט און אַנדערע. די לידער האָבן

אויף שטענדיק זיך איינגעבירגערט אין דער משפּחהס געזאַנג־רעפּערטואַר...

פון דער מאַמען האָבן אונדזערע קינדער אויך איבערגענומען די ליבע צום בוך. יעדעס מאָל, ווען זי איז אַוועק „טוישן אַ ביכל״, האָב איך זי באַגלייט אין דער ערשטער יידישער ביבליאָטעק. באַטראַכטנדיק דאָס שער־בלעטל און מישנדיק די זייטלעך פון דעם אַהיימגעבראַכטן ספר, האָבן אין די אויגן זיך געוואָרפן די אָפּגע־שטעמפּלטע דריי ווערטער אין גרעסערער, בלאָער שריפט; „שוינט דאָס בוך״. שווער געווען אין יענע צייטן אויסערלעך צו שוינען דאָס בוך, מחמת עס איז צווישן דער לייענערשאַפט געגאַנגען פון האַנט צו האַנט.

ביבליאָטעקן האָבן אויך עקזיסטירט ביי דעם בונדישן פאַראיין און ביי דער אָרגאַניזאַציע „פּועלי־ציון״. ווי דער שטייגער האָט ביי יעדער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג זיך אָרגאַניזירט אַ דראַמאַ־טישער קרייז. אין אָנהויב האָט מען אויף דער שטעטלדיקער בינע אויפגעפירט זאַכן פון אַלטן רעפּערטואַר, ווי „הערצעלע מיוחס״, „אַ מענטש זאָל מען זיין״. מיט דער צייט האָבן די אַמאַטאָרן זיך באַוויזן אין דראַמאַטישע ווערק פון י. גאָרדין, פּ. הירשביין, ש. אַש, ה. לייוויק און אַנדערע. פון צייט צו צייט פלעגט צו אונדז אַראָפּ־קומען אַ וואַנדער־טרופּע און אויפטרעטן מיט פאָרשטעלונגען פון אַ בעסערער מדרגה. עס האָט זיך אויך געטראָפן, אַז אידאַ קאַמינסקאַ, די טורקאָווס, מאַרעוווסקי און אונדזער בן עיר מ. ליפּמאַן זאָלן גאַס־טראָלירן אין אָפּט. דעמאָלט איז אין שטעטל געווען אַ יום־טוב.

מיינע שוועסטערס, עלטערע פון מיר, האָבן אייפעריק ליב געהאַט צו שפּילן טעאַטער. די פּראָבעס האָבן אין אונדזער שטוב אַריינגעבראַכט אַ סך דערהויבנקייט און פרייד.

מיין פאָטער האָט אָבער נישט געהאַט קיין געפיל פאַר שלום־בית. ער האָט אויך נישט איבעריק זיך אויסגעצייכנט מיט אחריות

פאַר זיין הויזגעזינט. נישט איינמאָל איז דער מאַמען דאָס האַרץ פאַרלאָפן מיט בלוט פון אים. מיר האָבן זיך געשעמט פאַר לייטן. אָבער די עקרת הבית האָט אַלץ פאַרגלעט. מיר האָבן אויך דעם טאַטן אַריינגעצויגן אין אונדזערע קולטור־אינטערעסן. בייזייענדיק אויף די רעפּעטיציעס פון גאָלדפאַדענס מעלאָדראַמע „בר כוכבא", האָט ער אויסבעסערנדיק אָנגעוויזן אויף געוויסע מאָמענטן, וואָס ער האָט געדענקט פון דער צייט, ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל געזען שפּילן די פּיעסע אין אַמעריקע. ער האָט פאַר די אַמאַ־טאָרן־שפּילער פאַרגעזונגען בר כוכבאס שבועה, ווייל צווישן די געזאַנג־נומערן, וואָס דער וואַרשעווער אַקטיאָרן־פאַראיין האָט צו־געשיקט, האָבן אויסגעפעלט די נאָטן פון דערמאָנטן ליד.

אין יאָר 1925 האָט מיין פאָטער שוין צום צווייטן מאָל אויס־געוואַנדערט קיין קאַנאַדע. אונדזער מאַטעריעלע לאַגע האָט אַ ביסל זיך פאַרבעסערט. דאָך זענען מיר געווען אָנגעוויזן אויפן טאַטנס שטימונגען און קאַפּריזן. די דערוואַרטעטע שטיצע איז זעלטן אָנגע־קומען אין צייט. אין די ערשטע דרייסיקער יאָרן, בעת דער עקאָנאָ־מישער קריזיס האָט געטראָפן אויך אַ טייל פון דעם סאָציאַלן שיכט, וועלכער האָט פריער נישט געוווּסט פון קיין אָרעמקייט, האָט מיין פאָטער נאָך זעקס יאָר אָפּזיין אין קאַנאַדע ווידער באַשלאָסן זיך אומקערן קיין פּוילן. הגם אין יענע יאָרן האָט דער עקאָנאָמי־שער קריזיס אויך געלאָזט זיך פילן אין דער רייכער אַמעריקע, דאָך איז זיין צוריקקריזע אין לאַנד פון מלך אביונס גיטער געווען אַ גרויסער אומזין. ערשט שפּעטער האָט מיין פאָטער, פּנים אל פּנים מיט אָרעמקייט, חרטה געהאַט אויף זיין אומבאַרעכנטן שריט. נאָכן דורכמאַכן מיט אונדז צוזאַמען אַ שווערן ווינטער, האָט ער צום דריטן מאָל אויסגעוואַנדערט אין „גאָלדענעם לאַנד" אַריין און יאָרן־לאַנג נישט געגעבן וועגן זיך צו וויסן.

מיר זענען געבליבן ווי אויפן וואַסער. מיין איינציקער אויס־

וועג איז געווען אַוועקצופאָרן אין דער גרויסער שטאָט אַריין פאַר־דינען אויף חיונה. טויזנטער יוגנטלעכע פון דער פּראָווינץ זענען אין יענער צייט אומגעגאַנגען איבער די וואַרשעווער גאַסן, זוכנדיק טאָס פאַר אַ באַשעפטיקונג עס זאָל נישט זיין, אַבי דורכצוקומען דעם טאָג.

איך געדענק נאָך היינט יענע וואַרשעווער פרימאָרגנס. די גרויסע שטאָט האָט ערשט גענומען זיך וועקן פון שלאָף. דאָס ערשטע אויפן פּלאַן איז געווען קויפן פאַר די אָפּגעשפּאָרטע לעצטע פאַר גראָשן דעם „יידישן עקספּרעס", אַ קוק צו טאָן אין דער אַנאָנסן־זייט, וווּ מען נויטיקט זיך אין אַן „אונטערפּרעסער" אָדער אַ „האַנט־נייער". עס האָט אָפּט געטראָפן, אַז אין קעשענע האָט אויסגעפעלט דאָס צענערל. האָט מען דעם צייטונג־פאַרקויפער געגעבן אַ פינפערל ער זאָל בלויז דערלויבן אַרויסנעמען עטלעכע אַדרעסן צו פאַרצייכענען. פאָרן מיטן טראַמוויי איז פאַר מיר געווען אַ לוקסוס. ווען מען איז שוין הענדום־פּענדום אָנגעקומען אויפן באַשטימטן אַדרעס, איז שוין געשטאַנען פאַר דער טיר אַ וואַרטנדיקע ריי פון אַרבעט־לאָזע, יעדער מיט זיין האָפענונג ער זאָל „דעם מייסטער אַריין אין אויג".

* * *

אין די ערשטע צוואַנציקער יאָרן בעת מיין פאָטער איז נאָך געווען אין דער היים — איז ער געווען אַן איינגייער אין הויז פון דעם „מזרחי"־לערער און מוזיק־קענער וואָלפאָוויטש, דער פאָטער פון דעם מיט יאָרן שפּעטער באַקאַנטן אַקטיאָר אין וואַרשעווער „יונג־טעאַטער" נ. וואָלפאָוויטש. איינמאָל האָט מיין טאַטע פון דאָרטן אַהיימגעבראַכט אַן איינגעבונדענעם קאָמפּלעט פון אַ יידיש־ליטעראַ־רישער צייטשריפט „דער שטראַל". איך געדענק נישט גענוי, ווען און ווו דער זשורנאַל איז אַמאָל דערשינען. עס איז געווען אַ ליכט אין די אויגן צו בלעטערן דאָס אינטערעסאַנטע זאַמלבוך. איך האָב

דאָ אַנגעטראָפֿן אויף נעמען פֿון שרייבער, וועמענס פּנימער זענען מיר באַקאַנט געווען פֿון די פּאָסטקאַרט־בילדער, וועלכע האָבן באַ־צירט די אַנזעעוודיקע וואַנט פֿון אונדזער אָרעמער דירה. די כּתבֿים האָבן ביי מיר אַרויסגערופֿן אַ שטראָם פֿון געפֿילן, דערוועקט אין מיר שטימונגען וואָס האָבן זיך געבעטן אַרויסצוברענגען אויפֿן פּאַפּיר. נישט צו זינדיקן מיט זעלבסט־באַרימעריי, איז דאָס געווען אַן אורשפּרינגלעכער אָפּרוף. טאַלאַנט איז אָבער אין זיין אָנהייבנ־דיקער סטאַדיע אַן אויפֿשפּראָצנדיקע פּלאַנץ, וואָס נויטיקט זיך אין גערטנערס אויפֿזיכט. אַנדערש קאָן אַ פּלאַנץ זיך נישט צעבליִען און וואַקסן.

מיר איז יאָרנלאַנג שווער אָנגעקומען זיך צו באַווייזן מיט מיינע ערשטע פּערזן אין דרוק. ערשט אין די מיטעלע דרייסיקער יאָרן האָט מען אָנגענומען מיינס אַ ליד אין דער דעמאָלט נייער ליטעראַרישער וואָכנשריפֿט „זיבן טעג". די צייטשריפֿט איז געווען אַ נאָכפֿאָלגנדיקער גלגול פֿון דער פֿאַרבאָטענער דורך דער מלוכה־צענזור „ליטעראַרישע טריבונע". אַרום דער צייטשריפֿט האָבן זיך גרופּירט יונגע דיכטער און פּראָזאַיִקער ווי ב. העלער, מ שולשטיין, מ. קנאַפּהייס, ב. שלעווין, ד. ספּאַרד, י. שפּאַן און אַנדערע. מיט קריטישע און קולטור־פּובליציסטישע אַרבעטן האָבן זיך אויף די שפּאַלטן פֿון יענער אויסגאַבע געוויזן ב. מאַרק, מ. מירסקי, דער שפּעטערדיקער טראָצקיסט י. דויטשער און אַנדערע. בכדי נישט צו פֿאַרמישן מיין נאָמען מיט דעם זעלבן נאָמען פֿון אַ באַקאַנטן אין יענער צייט פּראָזאַיִקער, האָט דער רעדאַקטאָר ב. העלער מיר געעצהט אַנצונעמען דעם פּסעוודאָנים ש. צימער.

דער שטאַרקער כּוח המושך צו ליטעראַרישער שעפֿערישקייט האָט מיך פֿאַרפֿירט אויף „בלאָנדזשענדיקע", נישטדאַיִקע וועגן. אין מאָמענטן פֿון מאַטעריעלער דעפּרעסיע בין איך אַלע מאָל געקומען צום אויספֿיר, אַז געזינטער וואָלט געווען ווען דאָס פֿליִען מיינס אין

הימלען וואָלט געגאַנגען אין פּאָר מיט פּראַקטישער הצלחה. איך וואָלט דעמאָלט נישט געדאַרפט אַזוי אָפּט ליידן הונגער... איך בין אָבער נישט פעיִק געווען צו זיין אַ פּראַקטישער בריה. ווי זאָגט דאָס ווערטל? דער נגיד טראָגט זיין גאָט אין קעשענע, דער אָרעמאַן אין האַרצן. איך האָב געלעבט אין אַ וועלט פון דיכטערישע טרוימען. דאָס האָט מיר געגעבן טרייסט און דערהויבונג.

דער אינערלעכער אומרו, נאָך מער די נויט, האָט דעם „אומ־פּראַקטישן לאַ יצלח" געצוווּנגען צו וואַנדערן איבער שטעט און שטעטלעך אין פּוילן, ווי וואַרשע, לאָדזש, ווילנע, קראָקע, קעלץ, טורנע און נאָך אַנדערע. פון טורנע האָט דער אומקוואַליפיצירטער שניידער נאָך אַ דורכגעפאַלענעם ווינטער־סעזאָן זיך אומגעקערט אַהיים אין שניי און פראָסט, שלעפנדיק זיך פון יישוב צו יישוב. פון דער אַרבעט ביי דעם אָרעמען שניידער־כאַלופּניק האָב איך אַפילו נישט געקאָנט אָפּשפּאָרן אויף רייזע־הוצאות. אין אַ ווינטער־דערציילונג געשריבן פון דעם דעמאָלט יונגן פּראָזאַיִקער יוסף סמאָליאַזש, האָב איך, לייענענדיק, ווי אָפּגעשפּיגלט זיך אַליין געזען אין די געדיכטע, שטשוטשינער וועלדער. איך האָב געטאָפּטשעט אין טיפן שניי, אַראָפּשטייגנדיק פון מאָל צו מאָל פון פאַרקאָוועטן שליטן, אויפצוורודערן די געבליטן אין די פאַרשטייפטע גלידער.

פינף פאַרטאָג זענען מיר אַרויסגעפאָרן פון דאָמבראָווע, ווו איך האָב געגעכטיקט ביי דעם רויטהאָריקן ייד, וועלכער איז אָפּט געקומען קיין טורנע זיך שדכנען צו דער פרומער אלמנה ביי וועמען איך האָב געהאַט מיין קוואַרטיר. מיר זענען אָנגעקומען קיין שטשוטשין מיט זון־אויפגאַנג. איך האָב נויטיק געזוכט ערגעץ ווו אַ ווינקל זיך צו דערוואַרעמען. אַן אויסגעטראָטענע סטעזש־קע אין טיפן שניי האָט מיך געפירט צו אַ שטעטלדיקן בית־מדרש. אַ וואַרעמע כוואַליע האָט אַ שלאָג געטאָן אין מיין פאַר־גלאָזט פּנים. מיר איז היימלעכער געוואָרן. כאָטש איך בין לאַנג

געוועזן שוין אָפּגעפרעמדט פון רעליגיעזן שטייגער, האָבן די האַרציקע תפילות פון די פרומע מתפּללים איצט אויסגעדריקט מיין פאַרוואָגלט געמיט. אַט אַזוי האָב איך דעמאָלט דורכגעמאַכט מיין וואַנדער־נסיעה פון שטשוטשין קיין סטאָפּניץ, ווייטער קיין סטאַשעוו, פון דאָרט קיין באָגריע, דערנאָך קיין איוואַנסק, ביז איך בין קוים מיט צרות אָנגעקומען אַהיים. אין שטוב האָט מיך אַרומגענומען אַ ליבע וואַרעמקייט. גראָד האָט אין יענעם טאָג גישט אויסגעפעלט קיין קוילן אָנצוהייצן דעם אויוון. נאָך וואַרעמער איז מיר געוועזן צווישן אייגענע, באַזונדערס ווען איך בין צוריק אַהיימגעקומען פון אַזאַ לאַנגן, אומנחתדיקן אָפּזיין אין דער פרעמד.

* * *

אומעטום איז מיר באַשערט געוועזן צו זיין אַליין, גישט מחמת איך האָב, חלילה, געווייכט פון מענטשן. די אָרעמע דאַליע האָט מיך צוגעלייגט, געמאַכט מיך פאַר אַ בושת פּנים און גישט געלאָזט מיך אויפהייבן דעם קאָפּ. מיינע באַקאַנטשאַפטן מיט מענטשן האָבן אַלע מאָל אין אָנהויב אויסגעזען צו זיין גאַנץ אינטערעסאַנט און גאַנץ דערפּאָלגרייך. צום באַדויערן האָבן זיי לאַנג גישט אָנגעהאַלטן.

בעת דעם היטלעריסטישן אָנפאַל אויף פּוילן האָב איך זיך געפונען אין וואַרשע. אויף דזשעלנע גאַס האָב איך זיך אויסבאַהאַלטן פון כסדרדיקער באָמבאַרדירונג אין אַ קעלער, צוזאַמען מיט צוויי שוועסטערס, טאַקע צופעליקע באַקאַנטע. מיר האָבן אין דער פינצטערניש דורכגעלעבט טעג פון שרעק, גרויל און הונגער. אַלע האָבן מיר זיך געשפּייזט מיט אוגערקעס וואָס איך האָב אונטערן געדיכטן אַרטילעריע־פייער מיט נסים אָנגעבראַכט פון ערגעץ אַ באָמבאַרדירטער קאָנסערוון־פאַבריק אַרום ניזקע גאַס. אומקערנדיק זיך מיט צוויי שווערע פּושקעס אויף די אַקסל אונטער אַ האָגל פון שראַפּנעלן, האָב איך אויפן וועג באַמערקט, ווי הונגעריקע מענטשן פּאַרקען זיך אַרום אַ פערדישן פּגר, שניידנדיק פון אים שטיקער פליישׁ.

איינער פון אַ סך

דורכלעבנדיק די ערשטע גרויל־טעג פון דער דייטשער אָקופּאַ־ציע, האָב איך באַשלאָסן צו פאַרלאָזן וואַרשע און שוואַרצן די גרענעץ. ווי אַנדערע פּליטים בין איך אַוועק צו דער פּראַגער בריק. איינע פון די שוועסטערס איז געווען צו טיילן מיין גורל. איך האָב אָבער דעמאָלט, אפשר אויס אייגנליבע, נישט געהאַט קיין חשק צו נעמען אויף זיך אַזאַ אחריות. מיליטערישע שופּאָס האָבן שטרענג באַוואַכט אַלע וועגן. ווי אַזוי מיר האָט זיך איינגעגעבן זיי אויסצומיידן, איז נישט צו פאַרשטיין. די היטלעריסטישע אויסוווּרפן האָבן אַראָפּגענומען פון וועג פיל יידן אויף וועלכע דער אונטער־העלפער, אַ פּאָליאַק, האָט אָנגעוויזן און זיי איינגעשפּאַנט אין כל עבודת פּרך, ווי גראָבן בלאָטע מיט די הוילע הענט, טראָגן שטיינער פון אָרט צו אָרט און אַנדערע מאַטערנדיקע אַרבעטן. אויפן סכנות־פולן מהלך צו דער סאָוויעטישער גרענעץ האָט מען אויך געזען פיל יידישע פּרויען. זיי זענען אויסגעשטאַנען ברוטאַלע אונטערזוכונגען, ווייטיק און שאַנד. געווען מענער, וואָס האָבן אין בהלה פאַר־לאָזט ווייב און קינד, ווייל יענע האָבן מורא געהאַט איינצושטעלן דאָס לעבן.

אין ביאַליסטאָק האָבן די פּליטים ערשט פרייער אָפּגעאָטעמט. דער הייטערדיקער טומל, די אויפמונטערנדיקע מוזיק אויף די גאַסן האָבן אויף אַ ווייל אָפּגערוקט אין אַ זייט די זאָרג וועגן געפינען ערגעץ אַ ווינקל ווו אָנצושפּאַרן דעם קאָפּ. נאָכן אָפּוואַלגערן זיך עטלעכע נעכט אין אַ ביאַליסטאָקער בית־המדרש, האָב איך באַשלאָסן זיך צו פאַרשרייבן אויף אַרבעט ווו עס זאָל נישט זיין. אַז מען האָט נישט וואָס צו פאַרלירן מוז מען אַלץ פּרובירן. צו מאָרגנס איז אויף דער סטאַנציע שוין געשטאַנען גרייט אַן עשאַלאָן אָפּצופירן טויזנטער פּליטים טיף אין רוסלאַנד.

קאַפּיטל צוויי

אין ביאַליסטאָק האָט אין יענער צייט זיך געגומען פאָרמירן אַ ליטעראַרישע גרופּע. אַ טייל פון די מיטאַרבעטער אין „ביאַליס־טאָקער שטערן" האָב איך געקענט פון וואַרשע. פון מאָסקווע איז אַראָפּגעקומען אַ שרייבער־בריגאַדע צו באַגריסן און אַנצובינדן שעפערישן קאָנטאַקט מיט די יידישע דיכטער און שרייבער אַהער־געקומענע פון יענער זייט גרענעץ. מיר איז שפּעטער אויסגעקומען ביייצווייק אויף שעפערישע אָוונטן, איינגעאָרדנטע לכבוד היימישע שרייבערס, וועלכע זענען געקומען אין געסט קיין מאָסקווע.

דערווייל זענען מיר אָנגעקומען קיין אָרשע. פון דאָרט האָט מען מיך און נאָך עטלעכע פּוילישע פּליטים אָפּטראַנספּאָרטירט אין אַ דאָרפישן סאָווכאָז. מען זאָגט: ווו עס בילן הינט דאָרט איז אַ יישוב. נאָר דאָ האָב איך אַפילו קיין הינט נישט געזען פאַר די אויגן. מיר איז אין דעם פאַרוואָרפענעם דערפל געווען שטאַרק אומעטיק. דאַכט זיך מער ווי אומעטום האָט דאָ די גרויע, צעהויקערטע לאַנדשאַפט טיפיש אָפּגעשפּיגלט די ווייסרוסישע בידע. דער מכלומרשטער ספּירט־זאַוואָד, ווו איך און נאָך דריי פּליטים האָבן געזאָלט זיין באַשעפטיקט, איז געווען אַן אָפּגעשטעלטע כלי. קיין אַרבעטער האָט מען נישט געזען פאַר די אויגן. בלויז דער „זאַ־וויעדוישטשע", האָט זיך דאָ לפנים וועגן אַרומגעפּאַרקעט. נאָך עטלעכע טעג האָב איך זיך צוריק אומגעקערט אין שטאָט. איך האָב זיך נאָכגעפרעגט אויף יענער שוואַרצחנעוודיקער פרוי, וועלכע איז געשטאַנען און גערעדט מיט מיר נעבן לאַסט־אויטאָ בעת מיר זענען אָקאָרשט אָנגעקומען פון וועג. זי האָט מיך,

אַ פאַרוואָרלאָזטן פון לאַנגן געַ־ונד, אַריינגענומען צו זיך אין הויז און מיר געהאָלפן מיט אַלעם נויטיקן. פון איר אויסנעמלעכער באַציונג צו מיר האָב איך מיט דער צייט אַרויסגעפילט עפּעס מער ווי פּשוטע פריינדשאַפט. ווען איך בין שפּעטער אַוועק זיך לערנען אין מאָסקווע, איז זי, דורכבערעכנדיק אַלע שוועריקייטן, געקומען מיך באַזוכן.

קיין מאָסקווע האָט מיך געצויגן דער גרעסערער, יידישער קולטור־צענטער. איך האָב געוווּסט, אַז בירגער פון צווייטער קאַטעגאָריע, צו וועלכער די ביעזשענצעס זענען געווען פאַררעכנט לויט אַ באַזונדערן פאַראַגראַף, איז נישט דערלויבט צו וווינען אין די צענטראַלע שטעט פון סאָוויעט־רוסלאַנד, אויסער מען ווערט דאָרט אָנגענומען אין אַ לערן־אַנשטאַלט. די ספּראַווקע אויף צו פאַרן אָפּגעבן עקזאַמען איז מיר שווער אָנגעקומען. די סיבה — מען קאָן נישט באַפרייען פון דער אַרבעט. נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן, האָב איך באַקומען אַ קאָמאַנדיראָווקע צו פאָרן קיין מאָסקווע.

פאַרשטייט זיך, אַז אַן דער סאָוויעטישער בירגערשאַפט וואָלט אַדמיניסטראַטיוו אוממעגלעך געווען זיך אויפצוהאַלטן אין דער גרויסער שטאָט. אין יענער צייט האָבן מאַסן פּליטים זיך צוריק־געהאַלטן פון אַרויסנעמען סאָוויעטישע פּאַספּאָרטן. דער רוב פון זיי איז נישט גרייט געווען צו פאַרבינדן זייער גורל מיט דעם לאַנד פון זייער באַזעסנקייט. דאָס איז געווען איינע פון די סיבות פאַר־וואָס מען האָט טויזנטער יידן, און אויך פּאָליאַקן, פאַרשיקט אין ווייט־פאַרוואָרפענע געגנטן. ווי מאָטערנדיק דאָס לעבן זאָל נישט האָבן געווען אין די קאַלטע וויסטעניש, איז די פאַרשיקונג זיי אויסגעפאַלן לטובה.

דער שכל הישר האָט אונטערגעזאָגט, אַז נאָכן קריג וועט דער ענין פּליטים געלייזט ווערן דורך די פאַראינטערעסירטע מלוכות.

שטיצנדיק זיך אויף דעם, האָב איך לענגער נישט געטראַכט און אַרויסגענומען אַ סאָוויעטישן פּאַספּאָרט.

אַריבערטרעטנדיק די פּויליש־סאָוויעטישע גרענעץ, איז מיין ערשטער געדאַנק געווען אויסצונוצן די מעגלעכקייט פאַר בילדונג, וואָס יעדער איינער אין סאָוויעט־רוסלאַנד קאָן דערגרייכן, אויב ער האָט נאָר חשק זיך צו לערנען. איך האָב זיך געטראַכט: איצט וועט מקוים ווערן מיין לעבנס־טרוים. צום באַדויערן האָבן אין יאָר 1939 שוין מער נישט עקזיסטירט אין סאָוויעט־רוסלאַנד קיין יידישע לערן־אַנשטאַלטן, שוין אָפּגערעדט פון די פריערדיקע קאַטעדרעס פאַר ליטעראַטור, שפּראַך־וויסנשאַפט און קונסט. אין קיעוו איז אין יענע טעג נאָך געווען אַ קאַבינעט פאַר יונגע שרייבערס. דאָס איז געווען אַ קליינער איבערבלייב פון אַ ברייט־פאַרצווייגטער קולטור־באַוועגונג, וואָס האָט אין די האַלב־דרייסיקער יאָרן דער־גרייכט איר העכסטן אויפבלי. אין קאַבינעט פאַר יונגע שרייבער זענען צווישן אַנדערע געווען פאַרטראָטן דער קולטור־טוער מיזשע־ריצקי, דער דיכטער מ. האַרצמאַן און א. גאַנטאַר — אַ פיינער ליריקער, וועלכער לעבט איצט אין מאָסקווע. צו זיי האָב איך גאַנץ אָפט געשיקט מיינע חבורים אויף קאָנסולטאַציע.

* * *

אין דער מינסקער טאָג־צייטונג „אָקטיאַבער" האָב איך איין מאָל אָנגעטראָפן אויף אַן אָנזעעוודיקער מעלדונג, אַז די יידישע דראַמאַטישע סטודיע ביים מאָסקווער מלוכה־טעאַטער נעמט אָן אַביטוריענטן צום נייעם לערן־יאָר. איך בין זיכער געווען, אַז אוי־סער סצענישער מייסטערשאַפט לערנט מען אין דער סטודיע אויך ליטעראַטור. וואָס שייך טעאַטער — האָב איך זיך איינגערעדט — ווייס איך אויך ווי מען עסט דאָס... איך האָב זיך באַקענט מיט די עקזאַמינגיר־באַדינגונגען פון דער סטודיע, זיי האָבן אויסגעוויזן צו

זיין פּאָר מיר נישט שווער. אויף מיין ווענדונג וועגן צושטעלן זיך צום עקזאַמען, האָט דער דירעקטאָר פון דער סטודיע, מ. ביעלענקי, אין אַ בריוו געלאָזט מיר וויסן, ווען די אויפנעם־עקזאַמענס וועלן פאָרקומען.

צו די אויפנעם־עקזאַמענס האָט זיך צוגעשטעלט אַ גאַנץ גרויסע צאָל יוגנטלעכע פון די מערב־געביטן און אויך געבוירענע אין סאָוויעט־רוסלאַנד. אַ טייל פון די לעצטע איז געווען אינגאַנצן אָפּגעפרעמדט פון דער יידישער שפּראַך. זיי האָבן ערשט געדאַרפט זי לערנען אין רוסישער טראַנסקריפּציע. אָנגעפירט מיט דער סטודיע האָט דער גרויסער שוישפּילער ש. מיכאָעלס.

אויף סטאַליעשניקאָוו־פּערעולאָק זענען צו די בחינות אַרויפגעקומען באַקאַנטע יידישע שרייבערס זען מיט וואָס די קומענדיקע אַקטיאָרן באַווייזן זיך. שטאַרק אויסגענומען האָט די יונגיטשקע עטעלע קאָווענסקי, אַן אַבסאָלווענטין פון אַ יידישער שול אין גראָדנע. זי האָט זיך אויסגעצייכנט אין רעציטירן פּרצעס „די פרומע קאַץ". באַזונדערס אויסגעטיילט האָט זיך רחלע סקידעלסקאַ פון ווילנע, וועלכע האָט פון פריער שוין געשפּילט יידיש טעאַטער אין אַ וואַנדער־טרופּע. מיכאָעלס האָט זיי ביידע גענומען, ווי מען זאָגט, אונטער זיינע פליגל און נאָך אַ קורצער צייט זיי צוקאָאָפּטירט צום הויפּט־אַנסאַמבל פון מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער.

ווען מען האָט מיך אויפגענומען צום עקזאַמען, בין איך אומזיכער אויפגעטראָטן אויף דער קליינער בינע און זיך אַנטשולדיקט וואָס איז בין נישט צוגעגרייט אין אַקטיאָרישער מייסטערשאַפט. אויב מיגלעך, וואָלט איך פאָרגעלייענט איינס פון מיינע שרייבערישע פּרווון. די זשורי האָט מסכים געווען. ווי נאָר איך האָב דורכגעלייענט עטלעכע פון מיינע פאַרבענקטע פערזן, האָב איך זיך פלוצעם צעוויינט. דאָס איז געווען אַ היסטערישער אויסברוך וואָס איז געקומען נאָך פיל אָנגעזאַמלטע ביטערע איבערלעבונגען, דורכ־

געטראָגענע בשתיקה. איך גלויב, אַז אַלע בייזיצנדיקע האָבן דעמאָלט פאַרשטאַנען די סיבה פון מיין אינעווייניקסטן צוזאַמענברוך. מיכאָעלס האָט גלייך זיך אויפגעהויבן פון זיין זיצאָרט און צוגעגאַנגען נעענטער צו דער בינע. ער האָט מיט אַ באַרויִקנדיקן טאָן מיר פאָרגעלייגט צו מאַכן עטלעכע פלאַסטישע באַוועגונגען אונטער די מוזיק־קלאַנגען, וואָס דער פיאַניסט האָט גלייך אויפגעשפילט אויף דער פיאַנע. איך האָב מיט עטלעכע באַוועגונגען שטום נאָכגעפאָלגט דעם געמיטלעכן טאַקט פון דער מוזיק. קיין געוואַלדיקע אַקטיאָרישע ווערווע האָט מיכאָעלס אין מיינע ריטמישע תנועות זיכער נישט געפונען... דאָך בין איך אָנגענומען געוואָרן אין טעאַטער־סטודיע מיט אַ סטיפענדיע.

צו מיכאָעלסן האָבן אַלע סטודיאַנטן אַרויפגעקוקט מיט גרויס אָפשיי. זיי האָבן מיט אויסנאַמיקן אינטערעס זיך צוגעהערט צו זיינע גייסטרייכע לעקציעס וועגן סצענישער קונסט. וועגן אַלצדינג, אַפילו וועגן דעם טאָגטעגלעכסטן האָט מיכאָעלס גערעדט מיט דער שפּראַך פון אַ מייסטער, וועמענס איינציקער מעדיום פון אויסדרוק איז די קונסט. אויף דעם געביט איז ער געווען אַן אויטאָריטעט מיטן וועלכן קונסט־שעפערישע קרייזן אין מאָסקווע האָבן זיך גערעכנט. אין איינעם פון זיינע פאָרטראַגן וועגן אַקטיאָרישער מייסטערשאַפט, האָט מיכאָעלס אָנגעדייט, אַז חוץ מיט זיין אינעווייניקסטער שיינקייט, דאַרף דער אַקטיאָר אויך ווירקן מיט זיין אויסערלעכן, אַנטשפּרעכנדיקן אויסזען, מיט וואָס נישט יעדער בן־אדם איז געבענטשט. דאָ האָט דער שוישפּילער ערנסט זיך באַקלאָגט אויף זיין נידעריקן וווּקס, כאַראַקטעריזירט די שטריכן פון זיין פּנים, וואָס זענען אין אויסערלעכער דיסהאַרמאָניע מיט זיינע סצענישע געשטאַלטן.

די עטישע שיינקייט, וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פון מיכאָעלסעס פּערזענלעכקייט, האָט אַרויסגערופן פאַרערונג.

איך בין אַ מאָל געגאַנגען אין מאָסקווער אַקטיאָרן־הויז אויף גאָרקי־גאַס הערן מיכאָעלסעס אַ פאָרטראַג וועגן טעאַטראַלער קונסט.

ש. מיצמאַכער

דער עולם צוהערער, צווישן זיי חשובע קונסט־אַקאַדעמיקער, האָבן לאַנג געוואַרט אויף זיין פּאַרזאַמטן אָנקום. מחמת דער שפּעטער שעה, בין איך שוין געשטאַנען נעבן טיר פון פּאָדערזאַל גרייט זיך אומצוקערן אויף מיין קוואַרטיר אין סטודענטישן „גאַראַדאָק״. דאָ איז איילנדיק אָנגעקומען מיכאָעלס. ער האָט מיך באַמערקט און נישט פאַרגעסן מיך צו באַגריסן מיט אַ האַנט־דרוק. אָט דער האַנט־דרוק האָט געמאַכט מיך צווישן פרעמדע ווי אַן אייגענער. איך געדענק מיט וואָסער געשפּאַנטן אינטערעס די אוידיטאָריע האָט אויפגענומען זיין יעדעס וואָרט.

קאַפּיטל דריי

נאָך די עקזאַמענס בין איך צוריקגעפֿאָרן קיין אָרשע אײַנפּאַקן מײַן ביסל פֿאַרמעגן. מיט דער איצטיקער באַשטעטיקונג אַז איך בין אָנגענומען אין טעכניקום, האָב איך געטראַכט, ווען מיר שוין לײַכטער אָנקומען אַ קאָמאַנדיראָווקע קיין מאָסקווע. נאָר ווי זאָגט דאָס ווערטל: דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט. איך האָב פֿאַר־שפּעטיקט דעם אָנהויב אויף גאַנצע זעקס וואָכן.

דער הויפּטלערער פֿון מײַן קלאַס איז געווען דער צווייטער אָנגעזעענער נאָך מיכאָעלסן שוישפּילער, ב. זוסקין. זײַן לימוד איז געווען אַקטיאָרישע מײַסטערשאַפֿט. זוסקין האָט כּלפּי די סטו־דיאַנטן זיך פֿאַרהאַלטן גאַנץ חבריש, הגם נישט איבעריק צוגע־לאָזן. די באַדינגונגען זיך צו לערנען זענען פֿאַר אַלע סטודיאַנטן נישט געווען קיין פֿויגלדיקע. יענע, וועלכע זענען צוגעטראָטן צום לערן־יאָר פֿון אָנהייב אָן, זענען ווי עס איז בעסער אָדער ערגער מיטגעגאַנגען. מיר זענען די דורכגעלאָזטע לימודים אויסגעפֿאַלן שווער. עס האָבן מיך באַהערשט אָפּהענטיקע שטימונגען. מײַן עיקר־ציל איז דאָך נישט געווען טעאַטער. חוצדעם איז מיט דער מאָגע־רער סטיפּענדיע שווער געווען דורכצוקומען. נאָך דעם צווייטן סעמעסטער האָב איך אָנגעשריבן אַ ווענדונג צום דירעקטאָר, ער זאָל מיך באַפֿרײַען פֿון דער שול. צומאָרגנס נאָך דעם האָב איך גלײַך חרטה באַקומען אויף מײַן אומבאַטראַכטן שריט. אַרויסטרע־טנדיק פֿון דער סטודיע, האָב איך אויטאָמאַטיש פֿאַרלוירן די רעכט צו זײַן אַ מאָסקווער תּושב. די זאַך איז געווען שוין אָפּגעטאָן.

אַריינגעמען מיך צוריק אין קלאַס האָט שוין זוסקין פּרינציפּיעל נישט געוואָלט. אפשר איז ער גערעכט געווען. ער האָט פון דעסט־וועגן דעמאָלט געדאַרפט פאַרשטיין, אַז מיטן מאָמענט ווען דער פּליט פאַרלירט דאָס שטיקל דאַך איבערן קאָפּ, איז ער ווידער אויסגעשטעלט אויף ביטערע וואָגלעניש.

אויף דער סאָוויעטיש־יידישער טעאַטער־בינע האָט זוסקין פאַר־נומען, ווי שוין געזאָגט, דאָס צווייטע אָרט נאָך מיכאָעלסן. טעאַטער איז פאַר זיי ביידן געווען אַ מלאכת־הקודש. זוסקינס סענדערל אין „מסעות בנימין השלישי", זיין לץ אין שעקספּירס „קעניג ליר", זיין האָצמאַך אין „בלאָנדזשענדיקע שטערן", זענען געשטאַלטן נישט צום פאַרגעסן. פאַרוואָס ער האָט, במחילת כבודו, קעגן מיר זיך איינגעעקשנט, פאַרשטיי איך נישט ביז היינט. איך האָב פון אָט דער דערפאַרונג איינגעזען, אַז פון איילעניש קומט קיין גוטס נישט אַרויס און אחר המעשה העלפט נישט קיין חרטה.

די זעקס חדשים מאָסקווע האָבן מיר געגעבן אַ געלעגנהייט זיך מער צו באַקענען מיט דער שטאָט, צו באַזוכן אָנצאָליקע קולטור־אונטערנעמונגען, פון וועלכע איך האָב געשעפּט גרויס הנאה. קיין אָרגאַניזירט יידיש קולטור־לעבן האָט דעמאָלט אין מאָסקווע מער נישט עקזיסטירט. בלויז אין „קלוב קאָמוניסט" און מעגלעך אויך אין אַן אַנדערן קולטור־הויז, האָט אין אַ צוגעטיילטן צימער זיך געפונען אַ יידישע ביבליאָטעק. געווען נאָך אין מיין צייט אַ לעבעדיקער אינטערעס צו יידישער קולטור. זי האָט אָבער ביסלעכ־ווייז פאַרלוירן דעם אָנזען, מחמת די מלוכה האָט זי אויפגעהערט שטיצן און זיך פאַרמאָסטן אויף נאָך ערגערס...

אינעם געריימען, רייך־אויסגעשטאַטן פאָיע פון „קלוב קאָמו־ניסט" האָב איך אַ מאָל באַגעגנט אַ „בלאָנדזשענדיקע נשמה", אַ יידישן דיכטער וועלכער האָט דאָ זיך אַרומגעדרייט זוכנדיק אַ תיקון. מיר האָבן זיך באַקענט און איינער דעם אַנדערן זיך

פאַרגעלייענט אייגענע שאַפונגען. אים איז שטאַרק נאָענט געווען צום האַרצן מיין ליד „איך שלעפּ מיין לעבן", וואָס איז מיט יאָרן שפּעטער אַריין אין מיין ערשט ביכל לידער „אין וואָגל".

ביי אַ ליטעראַריש־קינסטלערישן אָוונט אויף וועלכן עס איז אין דעם דערמאָנטן קולטור־הויז אויפגעטראָטן די באַקאַנטע אַקטריסע קלאַראַ יונג, האָב איך צווישן עולם דערקענט דעם דיכטער יוסף רובינשטיין. קורץ פאַרן אויסברוך פון קריג איז ער פּרעמירט געוואָרן פאַר זיין מערקווירדיק בוך לידער „מאָדעלן". איך האָב דעם דיכטער אַלע מאָל באַמערקט יום־טובדיק אַרומשמייען אין ליטעראַטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13, ווו איך פלעג נישט דרייסט אַ מאָל אַרויפקומען. עס איז שווער געווען פאַר די שרייבער און אינטעלעקטואַלן פון פּוילן זיך צוצופּאַסן צו די באַדינגונגען פון סאָוויעטישן לעבן. דאָס האָט דערשלאָגנדיק זיך אָפּגערופן אויף רובינשטיינס געמיט און אונטערגעבראָכן זיין געזונט.

אין מאָסקווע האָב איך, צום ערשטן, פאַרגעלייענט מיינע לידער פאַר שמואל ראָסין. געריִרט פון מיינע השתפּכותן האָט ער מיר געעצהט צונויפצושטעלן אַ קליינע זאַמלונג צום אַרויסגעבן.

גאָר אַנדערש האָט אויף מיינע שירים רעאַגירט פּרץ מאַרקיש. נאָכן איבערלייענען האָט ער מיר אומגעקערט די פאַרשריבענע בלעטלעך, נישט אויסריידנדיק קיין וואָרט. ווי אַ דיכטער מיט אַ ברייטן עפּישן אָטעם און אומבאַגרענעצטן חוש פאַר פאַראַלגעמיינערונג, האָט ער, אוודאי, אויפגענומען מיינע לידער ווי נאַיווע, שטאַמלענדיקע פּרוּוון. איך באַדויער ביז היינט מיין דעמאָלטיקע אומדרייסטקייט צו פרעגן מאַרקישן אַ מיינונג וועגן מיינע, ווי ער האָט מסתם זיך אויסגעדריקט „שרייבעכצן". עס וואָלט פאַר מיר וויכטיק געווען צו הערן, אַפילו ווען זיין מאַסגעבנדיק וואָרט זאָל מיר וויי טאָן.

מאַרקישעס קאַלטע „אויפנאַמע" האָט פון מיר אָוועקגענומען

דעם קוראַזש זיך צו ווייזן פאַר דעם קריטיקער י. דאָברושין. צונויפ־געפירט מיט אים האָט מיך טאַקע זוסקין צו וועמען איך האָב נאָך אַ מאָל זיך געווענדעט מיט אַ הייסער בקשה, ער זאָל צוריק מיך אַריינעמען אין זיין קלאַס.

זוסקינען איז אוודאי נישט ניחא געווען צו באַטראַכטן אויפ־סניי אַן ענדגילטיק געשלאָסענעם ענין. מיט דער כוונה אָפּצופטרן דעם ענין, האָט ער גענומען דאָס טעלעפאָן־טרייבל און באַשטעלט פאַר מיר אַ זעונג. אַ קליינע השתדלות, אָדער אַן עצה וויאַזוי דער מענטש זאָל צוריק באַקומען דאָס שטיקל אָנשפּאַר, וואָס ער האָט צוליב אייגענער פאַרבלענדעניש פאַרלוירן, איז נישט געווען צו דערוואַרטן. דאָס אַדמיניסטראַטיווע געזעץ אין סאָוויעט־רוסלאַנד באַגרענעצט יעדע מינדסטע, פּערזענלעכע באַוועגונג פון דעם בירגער. דער לעצטער האָט מורא צו קומען אין עלעמענטאַרן באַריר, אָפּגעשמועסט פון לאָזן איבער דער אייגענער שוועל אַן אויסלענדישן פאַרבייגייער, אויס מורא פאַר דעם חשד, אַז ער האָט זיך פאַרבונדן מיט אַ שונא פון פאָלק... פאַראַן פיל מענטשן, וועלכע וואָלטן מיטן גאַנצן האַרצן דיר געהאָלפן אין אַ נויט, אָבער באַצאָלן מיטן קאָפּ — דאָס וויל קיינער נישט.

דאָס איז געווען אין אַ זוניקן פאַרפרילינגדיקן טאָג. איך האָב אָנגעקלונגען אין דאָברושינס טיר אויף גאָרקי־גאַס. געעפנט האָט מיר זיין שוועסטער. זי האָט דעם אומבאַקאַנטן באַזוכער אַריינגע־פירט אין אַ זייטיקן צימער און אים געבעטן וואַרטן. אַן אַלטער שרייבטיש, צוויי שטולן. די ווענט — געדיכט באַשטעלט מיט ביכער ביזן סופיט. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב מער זיך צוגעהערט ווי מיטגעשמועסט, ווייל דברי חכמים בנחת נשמעים. פון יענעם שמועס איז מיר געבליבן בזכרון דאָברושינס אָפּשאַצונג וועגן דעם יידישן ראָמאַן, וועלכער פאַרמאָגט ווייניק נאַטור־שילדערונג. באַרירנדיק די סאָוויעטישע ליטעראַטור־קריטיק, האָט ער אַריינגעוואָרפן אַ נישט

געהויבענע מיינונג וועגן מ. ליטוואַקאָוו, דעם אַמאָליקן רעדאַקטאָר פון מאָסקווער „עמעס״. ער איז אויך געווען דער טאָנגעבער אין דער סאָוויעטיש־יידישער ליטעראַרישער קריטיק. לעצטנס איז מיר אויסגעקומען צו לייענען נאָך אַ מאָל ליטוואַקאָווס בוך „אין אומרו״, ווי אויך זיינע חריפותדיקע אַרטיקלען וועגן די אויפפירונגען פון מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער. ער האָט געהאַט אַ גאָר ברייטע השגה וועגן ליטעראַטור. אָבער ווי אַ קריטיקער־חטאים־זוכער, ווי אַן אָנגרייפנדיקער פּאָלעמיקער, האָט ער צו זיך אַרויסגערופן פאַר־דראָס מצד די שרייבער. איך געדענק דאָס סאַטירישע ליד פון דעם דיכטער ל. קוויטקאָ וועגן דעם „שטינקפויגל מוילי״, וואָס איז אין יענער צייט אויך דערגאַנגען קיין פּוילן.

מיין באַזוך ביי דאַברושינען אין הויז איז געווען, ווי עס זאָגט זיך, אינטערעסאַנט און באַלערנדיק, אָבער פאַר מיר איז נאָך אַלץ געשטאַנען די פראַגע: וואָס ווייטער? עס האָט שטאַרק זיך נישט געוואָלט ווידער פאַרוואַרפן ווערן אין אַ פּראָווינץ־שטאָט. מיר איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק: זיך ווענדן צו מיכאָעלסן. ער האָט דאָך משפיע געווען מיך אָנצונעמען אין סטודיע באַגלייך מיט יענע, וועלכע האָבן בעסער פון מיר זיך אויסגעצייכנט ביי די אויפנעם־עקזאַמענס.

אין „גאָסעט״ זענען גראָד דעמאָלט פאָרגעקומען די צוגריי־טונגען צו דער פּרעמיערע פון שלום עליכם׳ס „בלאָנדזשענדיקע שטערן״. די פּראָבעס זענען פאָרגעקומען אין אויבערשטן טייל פון טעאַטער־בנין, ווו עס זענען געווען אָנגעשטעלט פאַרשיידענע טיילן פון בינע־רעקוויזיט. בעתן איבעררייס האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט אַריינצוגיין צו מיכאָעלסן, וועלכער איז געבליבן ביים טיש פאַרטיפט אין זיין רעזשיסערישער אַרבעט. כמעט אַלע אָנטיילנעמער זענען אַרויסגעגאַנגען אָפּכאַפּן דעם אָטעם. איך האָב מיט דרך־ארצ־דיקן צוריקהאַלט זיך דערנענטערט צום טיש.

— איך אַרבעט דאָך אַצינד — האָט ער מיט שטאַרקער איריטאַציע זיך אָנגערופן. מיין לעצטער שאַנס צו בלייבן אין מאָס־קווע איז געווען פאַרשפּילט. כ׳בין אַוועק אין פאַרלאַג „עמעס״. דער פאַרוואַלטער ל. סטראָנגין האָט מיך באַשעפטיקט אַלס געהילף־קאָרעקטאָר. נאָר וואָס טויגן שפּאָרן, אַז עס איז נישטאָ קיין פערד. ס׳איז געווען די אַלטע יענטע „פּראָוואָזשיטעלסטווע״, נאָר אַנדערש פאַרפּוצט. וועגן צושרייבן מיך אין מאָסקווע האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד. יאָ — האָב איך געטראַכט — די וועלט איז אַ גרויסע און ס׳איז נישטאָ זיך וווּ אַהינצוטאָן.

* * *

מיין ערשטער איינדרוק פון דעם אַ מאָל גאָר טעטיקן פאַרלאַג „עמעס״, איז געווען גאָרנישט קיין האָפערדיקער. איך האָב דאָ באַגעגנט דעם נסתר, אויך דעם דיכטער עזרא פינינבערג און דעם ברייט באַקאַנטן אַקטיאָר א. מאַרעווסקי ביים ביליאַרד־טיש מיט פּרץ מאַרקישן. ביי אַ טישל איז געזעסן פאַרנומען מיט עפּעס אַן אַרבעט די פּרוי פון דעם מאָדערנעם פּראָזאַיקער אין פּוילן מ. בור־שטין. דער אויסערלעכער אויסזען פון אַ טייל ייִדישע שרייבערס איז געווען דערשלאָגנדיק. מיר איז אַ מאָל אויסגעקומען אין אַ קאַלטן ווינטערטאָג צו באַגעגענען דעם פאָלקלאָריסט אבא לעוו. זיין הילוך האָט אַרויסגערופן רחמנות. דער האַלדז — אין גאַנצן נאַקעט. אונטער זיין אַלטן, אָפּגעריבענעם פּאַלטאָ האָט ער געטראָגן עפּעס אַזוינס וואָס איז ענלעך געווען צו אַ צעדריבלטן ווייבערישן סוועטער. קאָן זיין, אַז אויסערלעך האָט ער אויף זיך נישט געלייגט קיין אַכט, אָבער זיין פּנים האָט עדות געזאָגט, אַז ער ליידט נויט. אויך דעם נסתר האָב איך דעמאָלט געזען אין אַ ייִנגלשער קעפּקע. ער האָט געטראָגן אַן אַלטן, אָפּגעבליאַקירטן מלבוש פאַרקנעפּלט ביז אונטערן האַלדז, נישט אַזוי מאָדערן און עלעגאַנט געקליידט ווי צ. ב. דער דיכטער ל. קוויטקאָ. איך האָב אַ מאָל באַזוכט דעם אויטאָריטעטן

ליטעראַטור־פאָרשער און קריטיקער, דעם אידעלן מענטש א. גור־שטיין און געזען דעם גרויסן אונטערשייד פון זיין אָרעמער דירה צו האַלקינס שיין־אויסגעשטאַטער וווינונג פון עטלעכע צימערן.

אין מאָסקווע האָב איך באַקענט דעם פּראָזאַיקער ש. גאָדינער. כאָטש ער איז געווען שטאַרק באַזאָרגט וועגן זיין שווער־קראַנקער פרוי, האָט ער פון דעסטוועגן געפונען פאַר מיר אַ ביסל צייט. ער האָט דורכגעלייענט צוויי קאַפּיטלען פון מיין דערציילונג וועגן דעם וועגעטירנדיקן פוילישן שטעטל. דאָס איז דאָך פאַר דעם יונגן דור שרייבער אין פוילן געווען די אַרויסרופערישע טעמע. ווי עס איז געווען דער גורל פון מיינע אַנדערע שרייבערישע אָנהייבן, זענען אויך די אָנגעשריבענע קאַפּיטלעך פאַרלוירן געגאַנגען אין די יאָרן פון מיין וואָגל און וואַנדער.

אין מאָסקווער שרייבער־הויז בין איך בייגעווען אויף עטלעכע צוזאַמענטרעפן פון יידישע שרייבערס. אויף איינעם פון יענע אָוונטן איז אַרויסגעטראָטן דער באַקאַנטער דערציילער א. קאַגאַנאָווסקי. ער האָט דעמאָלט פאָרגעלייענט זיינע שילדערונגען פון אַמאָליקן אָדעס. דער גאַסט־שרייבער, געקומען פון ביאַליסטאָק, האָט גאַנץ אייגן זיך געפילט אין דער נייער ליטעראַריש־שעפערישער סביבה. אין זיין קינסטלערישן באַנעם איז קאַגאַנאָווסקי ווייט געווען פון וועלכער עס איז אויסגעשפּראָכענער אידעאָלאָגיע. דאָך האָט ער ווילגענייגט זיך צוגעהערט צו די צילגעווענדטע, קריטישע אַרויס־זאָגונגען פון די סאָוויעטישע שרייבערס.

דאָ וועט, אפשר, נישט איבעריק זיין צו פאַרצייכענען פאָלגנ־דיקע, זאָל זיין קליינלעכע, אָבסערוואַציעס. זיי האָבן אָבער אַ סימפּ־טאָמאַטישן באַדייט.

בעת אַ שרייבערישן צונויפטרעף האָט מען דערלאַנגט טיי. מסתם איז אין דער גאַסטראָנאָמיע פון שרייבער־הויז געווען אָנגע־געבן די געניע צאָל באַטייליקטע אין דעם שעפערישן שמועס. דער

טיי־צערעמאָניאַל איז נישט דורכגעגאַנגען לויטן כלל „והשתיה כדת, אין אונס״. אַ צופעליקער אורח, נישט קיין שרייבער, האָט פון אַזאַ ווינטערדיקן פאַרגעניגן נישט געקאָנט געניסן.

איין מאָל בין איך אַריינגעגאַנגען אין אַ „סטאָלאָווע״ עפּעס פאַרבייסן. דאָס איז געווען אין יאָר 1940. אין שטאָט האָט זיך געפילט אַ דוחק אין שפייז. אין רעסטאָראַן האָט יעדער פאַרברויכער באַקומען צוגעטיילט צוויי דינע רעפטלעך ברויט. איך האָב אָנגעביסן אַ כזית און געוואָרט מען זאָל מיר דערלאַנגען די זופּ. כ׳בין געזעסן מיט די אויגן געווענדט אין יענער זייט פון וואַנען די קעלנערקע האָט געדאַרפט אָנקומען מיט דעם וואַרעמס. דערווייל האָט צו מיין טיש זיך צוגעזעצט אַ פּויערטע פון דאָרף. ווי אַ סך אַזעלכע איז זי מסתם געקומען אין שטאָט איינשאַפן „פּראָדוקטן״ פאַרן הויזגעזינט. כאָטש געזאָגט האָט מען, אַז אויפן דאָרף איז פאַראַן גענוג ברויט, אַז עס סטייעט נאָך צו פאַשען מיט דעם די אייגענע חזירים. נישט האָבנדיק קיין געדולד לענגער צו וואַרטן, האָב איך אויסגעשטרעקט די האַנט צום ברויט אַ ביס צו טאָן. זעענדיק ווי איך קוק אַן אַנטוישטער אויפן אָפּגעליידיקטן טעלער, האָט די פרוי זיך ביטער צעוויינט...

פון דעם וואָס ווערט דאָ דערציילט, קאָן מען זיך פאָרשטעלן, אַז איך האָב אין מאָסקווע נישט געלעבט אין ווילטאָג. דאָך איז מיר יאָרן־לאַנג פאַרבליבן אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט צו אָט דער פרעכטיקער שטאָט, אַ בענקשאַפט געמישט מיט חרטה. קאָן זיין, ווען איך בלייב אין דער דראַמאַטישער שול, וואָלט מיין לעבנסוועג אָנגענומען אַ מער געוווּנטשענע ווענדונג.

קאפיטל פיר

דעם 21טן יוני 1941 זענען די דייטשן אַנגעפאַלן אויף סאָוויעט־רוסלאַנד. עטלעכע טעג פאַרן אויסברוך האָב איך נאָך באַוויזן אָנצו־קומען קיין מינסק. די נאַציס האָבן אָן אויפהער באָמבאַרדירט די שטאָט, געלאָזט זי אין איין העליש פייער. אַנטלויפנדיק פון געפאַר, האָב איך פלוצעם זיך געפונען צווישן צוויי ברענענדיקע ווענט. קיין רויש. בלויז דער פלאַקער פון פייער. קיין מענטשלעך קול. אַלע לעבנגעבליבענע איינוווינער זענען פון דאַנען שוין געווען אַנטרונען. פון צווישן די פייער־וואָלקנס איז, ווי אַן אומדערוואַרטע זעונג, מיר אַנטקעגנגעקומען אַ צעשראָקענע פרוי. זי האָט פונקט ווי איך נישט באַוויזן מיטצונעמען מיט זיך דאָס נויטיקסטע. מיר האָבן איינער דעם אַנדערן מיט גאָרנישט געקאָנט העלפן, נאָר פאַר־צווייפלטע אַליין געזוכט אַ וועג זיך אַרויסצורייסן פון ברענענדיקן גיהנום. אַזוי ווי זי איז געקומען, אַזוי איז זי אַוועק. ביז היינט ווייס איך נישט צי עס איז געווען אמת אָדער אַ האַלוצינאַציע...

טויזנטער איינוווינער האָבן פאַרלאָזט די שטאָט. אויפן וועג האָבן דייטשישע עראָפּלאַנען, ווי ווילדע שטייגער, זיך נידעריק אַראָפּ־געלאָזט און מיט מאַשין־געווער געשאָסן אין געדיכטן המון. עס זענען געפאַלן אַ סך טויטע און פאַרוווּנדעטע.

אין יענער פחדימדיקער בהלה איז נאָך טרויעריקער געווען דאָס בילד, ווי מען פירט אָפּגעזונדערט פון דער מענטשן־מאַסע אַ גרופּע אַרעסטאַנטן אונטער אַ שטרענגער באַוואָפנטער וואַך. דער הויפּט־פּאַטראָל האָט געטראָגן אין האַנט אַ פּאַפּקע מיט דאָקומענטן. די אַרעסטירטע האָבן זיך געשלעפּט שטילשווייגנדיק, נישט אויס־

ריידנדיק צווישן זיך קיין וואָרט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז צווישן די נאָך מער פון אונדז אומגליקלעכע אסירים געפינט זיך דער דיכטער ז. אַקסעלראָד, וועמענס פלאַמיקע רעדע איך האָב גראָד ערשט נישט לאַנג געהערט ביי אַן עפנטלעכן אויפנאַם־אָוונט לכבוד די יידישע געסט־שרייבערס פון די מערב־געביטן. די שאַסן, וואָס האָבן פון מאָל צו מאָל אָפגעהילכט פון ביידע זייטן וואַלד, האָבן אַרויסגערופן דעם פאַרדאַכט, אַז איינער פון די זאַלפן האָט אין יענער מבוכה נישט אויסגעמיטן אַקסעלראָדס קאָפּ.

מיר האָבן געוואָגלט אַ גאַנצע נאַכט. שווער געווען אין דער פינצטער אונטערצושיידן אַ מענטשלעך פנים. אַ ביסל ווייטער פון מיר האָט אַ גרופּע חברים פון וואַרשעווער באַקלייד־פאַראיין זיך געריסן פאַרויס ווי זיי וואָלטן נישט געפילט קיין מידקייט. האָב איך זיך אָנגעשטרענגט אָנצוהאַלטן מיט זיי דעם זעלבן טראָט.

מיר זענען אָנגעקומען קיין מאָהילעוו. דאָ האָט אונדז באַגעגנט אַ ברוטאַלער אָנפּלי פון דייטשישע „מעסערשמידן". די ערד האָט געציטערט פון די באָמבע־אויפרייסן. דערנאָך האָבן זיי זיך אַראָפּ־געלאָזט נידעריקער און געשטעפּט מיט די מאַשין־ביקסן. איידער זיי האָבן פאַרכאַפּט די שטאָט, האָבן די היטלער־רוצחים באָמבאַר־דירט די באַן־סטאַציע, ווו עס האָבן געוואַרט, ביז דער וועג וועט זיין פריי, פול געפּאַקטע עשאַלאָנען מיט פליטים פון קיעוו, כאַרקאָוו, מאָסקווע, לענינגראָד און אַנדערע געגנטן. מיר האָבן אויסגעקוקט די מינוט דער עשאַלאָן זאָל שוין רירן פון אָרט. פון דאַנען ערשט האָט אונדז געפירט אַ לאַנגער וועג פון שרעק און טויט־געפאַר ביז טאַמבאָוו. דאָ האָט מען אונדז דערווייל איינגעאָרדנט אין איינעם פון די אַרומיקע קאָלכאָזן און דערנאָך, ווען דער האַרבסט איז שוין נאָענט געווען, די אַרבעט אין פעלד האָט זיך געענדיקט, האָט מען אונדז מאָביליזירט אין דער אַרמיי. די מאָביליזירטע האָבן אַ צייט סטאַנציאָנירט אין די געדיכטע, טאַמבאָווער וועלדער אין אויפגע־

שלאָגענע, ברעזענטענע פּאַלאַטקעס ווי די שפּעטזומערדיקע קילקייט האָט גאָר שאַרף זיך געלאָזט פילן. פון דאָרט האָט מען דעם מאָבי־ליזירטן ערוב רב צוריק אָפּגעשיקט צו די מערבדיקע געביטן גראָבן אין הינטערלאַנד טראַנשייען קעגן די דייטשישע טאַנקען.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין דער געגנט אַרום בריאַנסק. דער שונא האָט מיט זיין ריזיקן, מיליטערישן כוח זיך אויסגע־לאַכט פון אונדזערע קעגן־טאַנקען־באַוואָרענישן און אויסגעשפּירט אַן אַנדערן וועג זיך אַריינצורייסן אין שטאָט. עס האָט אונדז געדראָט אַריינצופאַלן אין פּלען. אין דער לעצטער שעה איז געקומען אַ באַפעל פון פראָנט, דער אַרבעטס־באַטאַליאָן זאָל צוריקטרעטן. פון דאַנען האָט מען אונדז ווידער אָדפּראַוועט אין טיפן הינטערלאַנד. מיר האָבן דורכגעמאַכט דעם וועג סמאָלענסק, אָריאָל, טולע, קורסק, וואָראָניעזש, פּענזע און אַנדערע געגנטן, וואָס אַ טייל פון זיי האָבן מיר אויסגעמאָסטן צופוס. מיר האָבן זיך צוגעוווינט צו דער האַרבער רוסלענדישער נאַטור, געהונגערט און נישט זעלטן געגעכטיקט אין נאַקעטן סטעפּ, ווי אַרום האָבן אָפּגעהילכט די קראַכן פון די פראָנטן. אונדזער איינציקער באַגער איז געווען, אַז מיר זאָלן אָנקומען אין אַן אומבאַדראָטן יישוב. אָפּטמאָל, ווען מיר זענען אָנגעקומען צו אַ דאָרף, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט. די פויערטעס האָבן די „אָפּ־טרעטנדיקע פון פראָנט" באַגעגנט מיט מיטגעפיל און זיך געטיילט מיט דעם לעצטן ביסן.

צווישן די פיל עפּיזאָדן פון מענטשלעכער גוטסקייט, האָט זיך שאַקירנדיק אויסגעטיילט אַ היפּוכדיקער פאַקט:

דאָס האָט זיך געטראָפן אין בערעזינאַ, וואָס איז באַקאַנט אין דער וועלט־געשיכטע מיט נאַפּאָלעאָנס שווערער מפּלה, וואָס ער האָט געליטן אין זיין ווינטער־מאַרש אויף רוסלאַנד. מיר זענען אַריבער דעם טייך, וואָס טראָגט דעם זעלבן נאָמען און מיט אַ משופּעדיקער סטעזשקע זיך אַרויפגעהויבן צום דאָרף. מיר זענען אַריין אין דער

ערשטער כאַטע. אַ הויכער באַלעגופישער רוס האָט אונדז אויפ־גענומען קאַלט, אָנגעכמורעט. לויט זיין פאַרביסנקייט איז קענטיק געווען, אַז ער האָט פיינט דעם סאָוויעטישן רעזשים. אים האָט שוין אויסגעפעלט געדולד צו וואַרטן ביז דער דייטש וועט אַריינ־קומען און דעמאָלט וואָלט ער אויפגעריכט געוואָרן... די באַלעבאָסטע האָט, ציטערנדיק פאַר זיין בייזן בליק, דאָך באַמיט זיך אונדז צו העלפן מיט וואָס זי האָט געקענט.

* * *

דער שטאַרקער רוסלענדישער ווינטער האָט שוין דעמאָלט מיט שניי און פראָסט פאַרקאָוועט די וועלט. ביז מיר זענען אָנגע־קומען קיין סאַראַטאָוו איז פון אַרבעטס־באַטאַליאָן געבליבן אַ קליין הייפל. פריער זענען מיר געווען אַ מחנה אין באַשטאַנד פון רוסן, אוקראַינער, רומענער, בעסאַראַבער, פּאָליאַקן און יידן, אויסגע־מישט מיט טאַטאַרן, אוזבעקן, קירגיזן און אַנדערע. שלעפּנדיק זיך לאַנג איבער די וועגן, איז די אַרמיי, אַ דעזאָרגאַניזירטע, זיך צעפאַלן. געבליבן איז בלויז אַ געשלאָסענע גרופּע, וואָס האָט די אָפיציעלע שתדלנות פאַר דעם אַרבעטס־באַטאַליאָן אויסגענוצט פאַר זיך. איך בין אין דער גרויסער, ווינטערדיקער שטאָט געבליבן אַליין, אין הוילע טראַנטעס, הונגעריק, אָן אַ שטיקל דאָקומענט.

דאָס נישט האָבן עפּעס אַ צייגעניש ווער און פון וואַנען מען איז, האָט אַרויסגערופן דעם ערגסטן חשד, כאָטש עס האָט געקאָנט זיך טרעפן מען זאָל בשעת אַ בהלה אַזאַ זאַך פאַרלירן. אויפן וואָק־זאַל האָט די פּליטים־ביוראָ מיר אַרויסגעגעבן אַ צעטל, וואָס האָט נישט געהאַט קיין וויכטיקן באַדייט. פון דעסטוועגן האָב איך עס געהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ...

אין רחבותדיקן, סאַראַטאָווער וואָקזאַל האָבן אין די ערשטע בהלה־טעג געפונען זייער מקום־מקלט טויזנטער פּליטים פון פיל רוסישע שטעט, וואָס די היטלעריסטישע אַרמייען האָבן פאַרכאַפּט.

יעדעס מינדסטע שטיקל אָרט איז דאָ געווען באַלייגט מיט מענטשן און געפּעק ממש נישט דורכצוגיין. דאָס איז געווען אַ דערשיטערנ־דיק בילד פון יידישער היימלאָזיקייט, ווייל מערסטנס האָבן זיך דאָ אָנגעזען יידן.

* * *

אין יענער צייט איז אין ענגלאַנד געווען אַ מין פּוילישע רעגי־רונג אונטערוועגנס. דורך דער השתדלות פון איר פּרעמיער־מיניס־טער שיקאָרסקי, איז אַ טייל פון דער פּוילישער אַרמיי באַפרייט געוואָרן פון סאָוועטישער געפאַנגענשאַפט. עס האָט דעמאָלט גע־זאָלט זיך שאַפן אַ נייע, מיליטערישע פאָרמאַציע, וואָס זאָל צוזאַמען מיט דער רויטער אַרמיי אַרויסטרעטן אין באַוואָפנטן קאַמף מיט דעם היטלעריסטישן אָקופּאַנט פאַר פּוילנס באַפרייונג. איך האָב אָפּגעמאַכט אין געדאַנק זיך אָנצושליסן אין אירע רייען.

דער אַזוי גערופענער מיליטער־אַמט איז געווען איינקוואַר־טירט אין אַ צוגעטיילטן פּאַראַם, וואָס איז געשטאַנען ביים ברעג פון דער וואָלגע. צווישן שווימענדיקע אייזקריעס האָבן דאָרט אָפּט זיך פאַרבייגעגליטשט קלענערע שיפן, באַרזשעס און טראָטוועס, אייזיאַכטן און אַנדערע. די וואָלגע האָט מיך דערמאָנט אין דעם אומשטערבלעכן בילד פון דעם גרויסן רוסישן מאָלער א. י. רעפּין, געזען אין מאָסקווער קונסט־מוזיי. איצט בין איך אַליין געווען אַ טייל פון דער פאַרכאַפנדיקער, ברייט־אויפגעוויקלטער ווינטער־לאַנדשאַפט. דער געדיכטער רויך פון די אַרויסשטאַרצנדיקע קוימענס האָט נאָכ־אַנאַנד זיך געצויגן אין דער הויך און פאַרטונקלט דעם טיף־בלויען הימל. אויף דער גאַנצער לענג פון ברעג — אַן אָנוואַלגער פון ברעוועניעס, קלעצער, ברעטער און אַנדערע ריזיקע האָלצשטיקער, פאַרקאַוועט אין אייז. ווו נישט ווו זענען געלעגן הויפנס גראָבע, געפלאָכטענע שטריק. זיי האָבן אויסגעזען ווי צונויפגעקנוילטע, ריזיקע שלאַנגען, וואָס באַהאַלטן זיך אין טיפן שניי. נאָך לאַנגע

זוכעניש האָב איך אָפגעפונען אַ קרום הענגנדיק ברעטל מיט דער אויפשריפט: „פאָלסקאַ קאָמיסיאַ וואָיסקאָוואַ".

אין איינער פון די קליינע פאַראָם־קאַיוטעס איז געזעסן אַ פאָ־רוטשניק ביי אַ קליין פירעקיק טישל. זיין מונדיר איז געווען שטאַרק אָפגענוצט. ווי נאָר איך האָב זיך צו אים געווענדעט, האָב איך פלוצעם דערפילט אַ שווערקייט אויף דער צונג, גלייך איך וואָלט שוין לאַנגע יאָרן געווען אָפגעפרעמדט פון דער פוילישער שפראַך. ווען דאָס זאָל נישט טרעפן מיט מיר, וואָלט איך נישט געגלויבט, אַז מען קאָן אונטער געוויסע אומשטענדן פשוט פאַרגעסן אַ צווייטע שפראַך, וואָס מען באַהערשט גאַנץ פליסיק. קיין דאָקומענט האָב איך נישט געהאָט. איז ווי קאָן ער מיר גלויבן, אַז איך בין אַ פויליש ער בירגער? איך בין געשטאַנען אומבאַהאָלפן, ווי איך וואָלט געזוכט עפעס אַ באַווייז וואָס זאָל אים איבערצייגן, אַז איך בין אַן אָפשטאַמיקער פון פוילן. ביים אַרויסגיין האָב איך געוואָרפן אַ בליק אויף דער וואַנט, פון וואַנען עס האָט מיט אָנזעעוודיקע אותיות אַראָפגעשיינט אַ היימיש־קלינגענדיקער, פאָעטישער פערז. די געציילטע ווערטער האָבן ווי דורך אַ כישוף אַרויסגערופן פון מיין אויפגעלויכטן זכרון דערהויבענע שורות פון דעם באַליבטן, פוילישן דיכטער:

O, roku ów, kto Ciebie widział w naszym kraju ?
Ciebie lud dotąd zowie rokiem urodzaju.
A Żołnierz rokiem wojny. Dotąd lubią starzy
O tobie bajać. Dotąd pieśń o Tobie marzy — — —

איך האָב פאָרגעלייענט פון אויסנווייניק דעם גאַנצן פראַגמענט פון מיצקעוויטשעס „פאַן טאַדעוש", אָבער דאָס האָט דעם פאָרוטש־ניק נאָך נישט איבערצייגט, אַז איך בין פונקט ווי ער אַ פליט פון פוילן. ער האָט דערקענט אין מיין נאָז ווער איך בין. מיר איז דאָך געלונגען זיך אַריינצורייסן אין די קאָשאַרן, ווו עס איז איינגע־

שטאַנען די אַזוי געריסענע פּוילישע אַרמיי. לויט דער באַקאַנטער מיליטערישער אַטמאָספער און באַציונג צום פּראָסטן זעלנער, באַזונדערס צום ייד, האָב איך גלייך איינגעזען, אַז מען מיינט דאָ נישט די אינטערעסן פון פאָלק, וואָס קרעכצט אונטערן יאָך פון ברוינעם פאַשיזם.

די סאַראַטאָווער פּוילישע אַרמיי האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פּילצאַליקער מחנה שלעפּערס. זיי זענען איינגעשטאַנען אין אַ לאַגער פון פאַרשיקטע. דאָס זענען געווען אַלטע, הילצערנע באַראַקן־מפּולתן, מיט גאַרנישט באַוואָרנט קעגן האַרבן, רוסלענדישן ווינטער. דורך די ברעטערדיקע, צעשפּאָלטענע ווענט האָט אַריינגעדרונגען אַ פּראָסטיקע קעלט נישט אויסצוהאַלטן. ליגנדיק אויף דער הוילער, פאַרוואָרלאָזטער נאַרע, האָב איך איינגעזען, אַז דאָ וועל איך קיין האַניק נישט לעקן. מיטאָגצייט, בעתן שטעלן זיך אין דער ריי נאָך דער „באַלאַנדע״, האָב איך עמיצן איבערגעגעבן מיין טעלער, (מען האָט געגעסן פון טעלערס...) און געזוכט אַ וועג זיך אַרויסצושאַרן פון לאַגער. צוקומענדיק צו דער פאָרטקע גלייך אַרויסצוגיין, איז מיר אַנטקעגנגעקומען אַ „הויכגעשטעלטער״ אָפּיציר. (גאַנץ מעגלעך, אַז דאָס איז געווען גענעראַל אַנדערס בכבודו ובעצמו...) ער האָט עפּעס גאָר נישט אויסגעזען ווי אַן אָפּיציר פון העכסטן ראַנג... בלויז די גאווה האָט אים געהאַלטן. ער האָט דעם נישט אוניפאַרמירטן כמו זעלנער פאַרהאַלטן און מיליטעריש־שטרענג אים געפרעגט:

— אין דער פּוילישער אַרמיי האָסטו געדינט?

— ניין — האָב איך געזאָגט דעם אמת.

— צי ווייסטו נישט, אַז פאַר אַ פּוילישן אָפּיציר דאַרף מען סאַלוטירן?!

איך האָב נאָכלעסיק צוגערירט די ערשטע צוויי פינגער פון דער רעכטער האַנט צום פאָדערשטן טייל פון מיין ווינטער־היטל

און געעפנט די פורטקע צום אַרויסגיין. איך האָב דערביי געטראַכט: אָרעמער דאַך, וואָס קנאַקסטו?...

* * *

גלייך אין אָנהויב מלחמה איז סאַראַטאָוו געוואָרן געדיכט באַפעלקערט מיט אויסגעוואָרצלטע תושבים פון אַנדערע באַמבאַרדירטע שטעט. פאַר די שפּעטער אָנגעקומענע פּליטים איז שוין שווער געווען דאָ זיך איינצואָרדענען. איין אויסוועג איז פאַר מיר געבליבן: אויסצוואַנדערן דאָרט אַהין ווו דער ווינטער האָט נישט קיין שליטה. די רייזע קיין אוזבעקיסטאַן האָט זיך געצויגן טעג און וואָכן. די ענגשאַפט אין וואַגאָן איז געווען — נישט צו געבן זיך אַ קער. איך בין דורך דער צייט געוואָרן אַזוי באַוואָקסן און פאַרוואָרלאָזט, אַז איך האָב זיך אַליין נישט דערקענט. נישט אַלע פּליטים האָבן זיך געפונען אין אַזאַ אויסטערלישן מצב ווי איך. ווער עס האָט מיטגעבראַכט מיט זיך געפּעק, האָט פון צייט צו צייט עפּעס פאַרקויפט אָדער אויסגעטוישט אויף שפּייז־פּראָדוקטן. פון מינסק האָב איך נישט באַוויזן מיטצונעמען אַפילו דאָס נויטיקסטע.

וואָס ווייטער מיר האָבן אָפּגעצויגן פון צענטראַל־רוסלאַנד, אַלץ ווינציקער האָט זיך געמערקט דער שניי. עס האָבן זיך שוין געוויזן אָפּגעדעקטע שטיקער פלאַכלאַנד באַצויגן מיט טונקעלער גרינקייט. איבער ברייטע ערד־שטחים האָבן דאָ און דאָרט סטאַדעס שעפּסן געצופּט די אָפּגעדאַרטע גראָזן פון פאַרגאַנגענעם זומער און געוואַרט דאָס פאַשעפעלד זאָל וואָס גיכער ווערן געדיכט באַוואָקסן מיט פרישן, זאַפטיקן גראָז. די שוואַרצע, צעקרומטעביימער, די ליימיקע מויערן אַרום די קיביטקעס און די אייגנאַרטיקע הלבשה פון די תושבים האָבן אונדז צו וויסן געגעבן, אַז מיר קומען אָן אין אַ מדינה, וואָס מיר האָט זיך קיינמאָל נישט געחלומט צו זיין דאָרט.

קאַפּיטל פינף

מיר האָבן קוים זיך דערשלאָגן קיין טאַשקענט. ווי אין סאַראַ־טאָוו האָבן אויך דאָ זיך אַרומגעדרייט מאַסן אַנהיימיקע פּליטים. אין וואָקזאַל האָט מען נישט דערלויבט נעכטיקן. איך האָב אָפּגעוואָגלט עטלעכע נעכט אין פּאַרק אויף דער הילער באַנק, וואַרטנדיק ביז מען וועט מיך אָפּשיקן ערגעץ אויף אַ מקום מנוחה.

אין דער וויטער מיטל־אַזיע האָבן געוויסע לעבנס־פאָרמען נאָך געשמעקט מיט דעם אַלטן פּאַרצייטנס. עס איז נאָך אויסדריקלעך קענטיק געווען די שיידליניע צווישן דעם געזעלשאַפטלעך נייעם און דער איינגעוואָרצלטער, אַלטער טראַדיציע. די סאָציאַלע רעוואָלוציע האָט נישט אַריינגעבראַכט קיין אויסגעשפּראָכענע ענדערונג אין דער פּסיכאָלאָגיע פון אוזבעקישן פאָלק. מיר איז אַ מאָל אויסגעקומען צו באַמערקן ווי דער פאַרזיצער פון אַנדיזשאַנער ראַיקאָם, אַ פּאַרטייער, האָט זיך געפילט מער אייגן אין אַ דורכויס אוזבעקישער סביבה. ער איז געזעסן צווישן אַ געזעמל, ווי עס איז דער דאָרטיקער שטייגער, די פיס פאַרלייגט אונטער זיך און געטרונקען מיט זיינע שטאָם־ברידער טיי פון דער זעלבער „פּיעלואַ" וואָס איז איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. לויט זיין שבת־אַחימדיקער האַלטונג און געמיטלעכער צוגעלאָזנקייט איז לייכט געווען צו דערקענען די טיף נאַציאָנאַלע פעדעם, וואָס בינדן אים מיט דעם אַבערגלויביקן, אוזבעקישן פאָלק. אַזאַ אָפן און בכיוונדיק זיך אידענטיפיצירן מיט די טראַדיציעס פון אייגענעם פאָלק האָט מען ביי הויכגעשטעלטע סאָוועטישע יידן זעלטן באַמערקט. און אפשר איז דאָס נישט געווען זייער אייגענע שולד.

פון טאַשקענט האָט מען מיך צוגעטיילט צו אַ גרופּע בעסאַ־ראַבער יידן און אונדז אָדפּראַוועט קיין אַנדיזשאַן. פון דאַנען האָט אונדזער וועג זיך געצויגן קיין שאַריכאַן. מען האָט אונדז אַראָפּ־געלאָזט אין שכנותדיקן קישלאַק, צוועלף קילאָמעטער ווייט פון דער שטאָט. אין קאָלכאָז זענען אויך אָנגעקומען עטלעכע יידישע פּרויען פון אוקראַינע. זיי האָבן אַלע צוזאַמען באַקומען אַן איינ־צימערדיקע דירה. פּאָר אונדז האָט מען צוגעטיילט אַ „קיביטקע" ענלעך צו אַ קאַמער, ווו די קעלט האָט ביינאַכט אַריינגעבלאָזן און בייטאָג האָט זומערצייט געברענט די היץ. מיר האָבן אויפן ליימיקן דיל אויסגעשפּרייט עטלעכע בינטלעך בוימוואָל־צווייגן, עס זאָל זיין אויף וואָס צו ליגן, אַריינגעשטעלט אַ בלעכן אייוועלע. דאָס איז געווען אונדזער שטוב־ווירטשאַפט.

אין פאַרגלייך מיט די צרות, וואָס מיר האָבן ביז איצט דורכ־געמאַכט, איז דאָס לעבן אין דעם פאַרוואָרפענעם דערפל געווען אַן אידיליע, כאָטש עס איז שווער געווען אויסצוקומען מיט די בעסאַראַבער שכנים־יידן. קודם, האָבן זיי גערעדט צווישן זיך בע־סאַראַביש, הגם זיי האָבן באַהערשט אַ זאַפטיקן יידיש. די שפּראַכ־לעכע אָפּגעזונדערטקייט האָט מיך געמאַכט פילן עלנטער. געווען אויך מיט אונדז אַן עלטערער ייד פון קיעוו — אַ בעל מום. אַוודאי וואָלט געווען אַנגענעמער אויסצוטוישן מיט אַזאַ ס'גאַל ייד אַ פּאָר ווערטער. געווען אין יענע טעג אַ סך וועגן וואָס צו רעדן, הגם שווייגן האָט דעמאָלט אויך געהייסן גערעדט. דער ייד איז אָבער געווען אַ פאַרביסענער כל־מום־רע. אים איז נישט אָנגע־שטאַנען צו זיצן מיט די „ביעזשענצעס" אין איין קאָלכאָז... די שלווה אין קאָלכאָז האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. דאָס אויסקומעניש איז אונדז אָנגעקומען מיט גרינע ווערעם. עס האָט געטראָפן, מיר האָבן שוין יאָ באַקומען אַ ביסל „דזשוגאַרי" — האַרטע גרויפּן וואָס מען האָט ערשט געדאַרפט צעשטויסן אין

וואַסער — איז ווידער נישט געווען מיט וואָס צו מאַכן פייער דאָס אָפּצוקאָכן. געוויינלעך הייצן די אוזבעקן מיט בוימוואָל־צווייגן, וואָס זיי שניידן אָפּ אין פעלד, נאָכדעם ווען די צעעפנטע באַנוול־קנאָספּן זענען שוין אַראָפּגענומען. מיט אָט דעם הייצוואַרג באַזאָרגן זיי זיך אויף ווינטער בעת אין דרויסן איז נאָך וואַרעם. אויף צו געפינען אין די ווינטער־חדשים אַ שפּענדל, האָט מען געדאַרפט זיך אונטערגאַרטלען צו מאַכן אַ לאַנגן שפּאַציר...

דערפאַר קומט גרינגער אָן אַ ביסל הייצוואַרג זומערצייט. שפּאַנענדיק אַזוי אין דעם האַרטן, פאַרטריקנטן סטעפּ, קאָן מען מערקן ווי ריזיקע שטחים פלאַכלאַנד ליגן שוין לאַנגע יאָרן פאַר־לאָזן, נישט באַרירט פונעם אַקער. אין דער אַרומיקער פאַרעקשנטער שטילקייט טראָגט זיך פון ערגעץ נאָענט דאָס צישען פון אַ ווילדן שרץ. פון ברייטן, שוואַרצליימיקן שליאַך הילכט אָפּ דאָס געציקלטע געזאַנג פון אַן אוזבעק, וועלכער רייט אויף זיין אייזל אין שטאָט אַריין. די געציקלטע טענער מישן זיך אויס מיט דעם נאָכאַנאַנדיקן סקריפּען פון אַ צוויירעדערדיקער „אַרבע״, וואָס רירט זיך קוים. ווען דאָס אַלץ גייט פאַרביי, נעמט ווידער הערשן אַן אַנגעצויגענע שטילשווייגעניש ווי פאַר אַן איבערנאַטירלעכער דערוואַרטונג. זוכנ־דיק אַ שטשאָפּע, טרעפט אַמאָל, מען געפינט נעבן אַ בוים אַן אויסגעוואַקסענע האַלץ־שוואָם, וואָס איז אויך אַ קרן פאַר אַ הונ־געריקן. מען קאָכט דאָס אָפּ צום עסן.

רווישיקער איז געווען אין דער שטאָט שאַריכאַן. דער לעבע־דיקסטער פונקט איז דאָ געווען דער באַזאַר ווו יידן פון פוילן, רומעניע און בעסעראַביע האָבן אָפּגעזוכט, ווער אַ פריינד און ווער סתם אַ היימישן פּליט. געווען אַזעלכע וואָס האָבן זיך איינגעאָרדנט אַרבעטנדיק ביי שניידעריי, אָדער ביי אַנדערע מלאָכות. ווען עמען עס האָט אָפּגעגליקט האָט באַקומען אַ שטעלע אין שטאָטישן ברויט־

זאַוואָד. אַ טייל פון זיי האָט אויך געהאַנדלט מיט וואָס עס האָט זיך געלאָזט.

דער רוב „ביעזשענצעס" איז אומגעגאַנגען אָפּגעריסן און אָפּגע־שליסן, אין הוילע טראַנטעס. לויט מיין הולך האָב איך אויסגעזען ווי ראַבינזאָן קרוזאָ... גוט וואָס איך האָב נאָך געהאַט מיין אַלטן, צעריסענעם זומער־מאַנטל פון וואַרשע צו פאַרדעקן דעם האַלב־נאַקעטן גוף. אַנדערש וואָלט איך זיך נישט געקאָנט ווייזן אין כוטאָר, ווו איך האָב אָפּט געיאָגט זיך ווי אַ הונגעריקער וואָלף נאָך פאַרציקונג. אין די זומער־חדשים האָב איך זיך געשפּייזט מיט „אוריוק" (שאַפּטאַלן) און מיט שוואַרצע אָדער רויטע מויל־בערעלעך, וואָס זענען געדיכט געוואַקסן אויף דיביימער פאַזע דעם וועג. גאָר שלעכט איז געווען מיט הלבשה.

אין מיין רוקזאַק האָט זיך פאַרוואַלגערט אַ שטיקל געבלימטן מאַטעריאַל פון אַן אַלטער, אָפּגעצויגענער אַטאַמאַנע. איך האָב אויך זיך איינגעשאַפן פאַר „אומגעצאַלט" אַ פּאָר שטיוול־כאַליעוועס... איצט איז געקומען די צייט זיי צו פאַרהאַנדלען. שטייענדיק אַזוי אויפן שאַריכאַנער „טאַלטשאַק" מיט דער „סחורה" אין האַנט, האָבן מיך באַהערשט צוויי מוראס. די ערשטע — פאַר דער מיליץ. וואָס וועל איך ענטפערן אויב מען וועט מיך פרעגן, ווו איך האָב גענומען די שטיוולעטן? צווייטנס, האָב איך געציטערט. טאָמער וועט עמיצער דערקענען די גניבה. נאָר צו גליק דאַרף מען קיין חכמה נישט. באַלד האָט זיך געיאַוועט אַן אוזבעק. איך האָב לאַנג זיך מיט אים נישט געדונגען און די לעדערנע חפצים פאַרקויפט פאַר אַ שיבוש. עס איז קוים גענוג געווען צו באַצאָלן מלאכה־געלט דעם שניידער פאַרן אויפנייען אַ פּאָר הויזן פון דעם געפונענעם שטיקל בראָקאַט. איך געדענק נאָך היינט ווי איך האָב דעמאָלט אויסגעזען. אַ טויט־ערנסט פּנים באַוואַקסן מיט אַ רויטער באָרד, אָנגעטאָן אין אַ פּאָר פאַרביק־געבלומלטע גאַליפע־הויזן. אויף די

פיס — צווײ אַלטע, צעפּאָרענע טרעטערס, עלעהיי אַ שווייגנדיקער קלאָון, וואָס מיט זײַן פּאַיאַצישער הלבשה און מימישן אָנשטעל רופט ער אַרויס אַ געלעכטער, אָבער אינעווייניק לעבט ער דורך אַ טיפע, מענטשלעכע טראַגעדיע. אַזעלכע און אַנדערע טראַגישע קרעאַטורן האָט מען אין רוסלאַנד נישט ווייט געדאַרפט זוכן.

איין מאָל האָט אין אונדזער דאָרף יאַשלי־לענטשי זיך אַרײַנגעשטעלט אַ נייער תושב אַלעקסיי. ער האָט געוווינט צוזאַמען מיט אונדז אין דער „בעסערער" דירה, וואָס מיר האָבן גראָד ערשט באַקומען. מען האָט גאָרנישט געקאָנט זיך דערוויסן ווער ער איז און פון וואַנען ער קומט. לויט די טראַנטעס וואָס ער האָט געטראָגן האָט מען דערקענט, אַז ער איז צוריקגעקומען פון פאַרשיקונג. וואָס זײַן פאַרברעך איז געווען, האָבן מיר נישט געוווּסט. ער האָט אויסגעוויזן צו זײַן נישט ביים קלאָרן זינען. בעת ער איז פול מיט שטימונג זיך פאַרגאַנגען אין זינגען, האָט גאָר געקאָנט זיך דאַכטן, אַז דאָס זינגט אַ נאָרמאַלער מענטש. ער איז געווען אָפּגעלאָזן, נישט באַמיט זיך אַפילו אײַנצושאַפן אַ ביסל בערלאָג פאַר אַ געלעגער. קיין איבעריקן נוצן האָט דער קאָלווירט פון אים נישט געהאַט. ביינאַכט איז ער געשלאָפן אויפן הוילן דיל און ביטאָג האָט ער זיך געשפּילט מיט די מייז. זיי האָבן דערשפּירט אין אים אַ גוטן פרײַנד. ער האָט אויסגעפונען, אַז מייז זענען צוגענייגטע, נוצלעכע באַשעפענישן.

אַלעקסיי האָט אויף זײַן שטייגער זיך אויסגעטויגט צו געפינען אַלע מאָל ביי וועמען וואָס אָפּצועסן. איין מאָל, צוריקקומענדיק פון שטאָט אַן אויסגעבאָדענער, אָנגעטאָן אין אַ פאַרביק־געשטרייפטן „טשאַפּאַן" מיט אַ פילקאָליריקן קערטש אויף די לענדן און אַ טיו־ביטייקע אויפן אָפּגעגאָלטן קאָפּ, האָט ער אויסגעזען ווי אַן עכטער אוזבעק. היות ער האָט מיט אונדז נישט צופיל איינגעטענהט, האָבן מיר נישט געוווּסט ווער עס האָט אים אַזוי הויפיש אויסגעשטאַט.

אַלעקסיי האָט איצט זיך אַליין באַטראַכט פאַר אַ גרויסן בריה. ער איז, הייסט עס, אַרייַן אין די פעדערן. אין די רעגיאָנעלע בגדים וועט ער פון איצט אָן האָבן אַ צוטריט צו די אוזבעקן, וועלכע וועלן אים מער נישט לאָזן הונגערן.

טרעפט אַ מאָל, זיצנדיק אויף דער שוועל, האָב איך אויף יענער זייט באַמערקט אַ רעדל יונגוואַרג און אויך עלטערע אוזבעקן, ווי זיי קאַטשען זיך פון געלעכטער. ס׳איז געווען אַ פאַרנאַכט. אין וויַיטן האָריזאָנט איז די זון געהאַנגען — אַ רייַפע אַראַנזש־פרוכט וואָס אָט־אָט פאַלט זי אַראָפּ פון בוים. איר גאָלדיקער אָפּשייַן האָט זיך אָפּגעשלאָגן אויף די פאַרברויַנטע פּנימער און בונטע קליידער פון די אויפגעהייטערטע אוזבעקן. זיי האָבן פאַרווייַלעריש זיך צוגע־קוקט ווי דער „אורוס״ לאָזט זיך אַוועק אין אַ מזרחדיקן ריקוד. ער האָט וווּנדערלעך אויפגעכאַפּט די טיפּישע, ריטמישע תנועות פון די אוזבעקן. ער האָט אַרויסגעוויזן בולטע אינטעליגענץ, לויט וועל־כער מען האָט גרינג געקאָנט משער זייַן וועגן זייַן העכערן געזעל־שאַפטלעכן אָפּשטאַם. דאָס איז אויך געווען קענטיק אין זייַן געווייַנ־לעכער באַנעמונג. פריער האָט אַלעקסיי געמאַכט דעם אייַנדרוק ווי ער וואָלט אַ דערשלאָגענער פון שווערע לעבנס־קלעפּ, געווען פאַר־טאָן אין זייַן אייגענעם חשבון הנפש. איצט האָט זיך גאָר אַרויסגע־וויזן, אַז ער האָט אויך אַן אינטערעס פאַר דעם אַרומיקן לעבן. ער האָט בעתן טאַנצן „קרעיִרט״ טיפּישע פיגורן און געלאַכט פון זיך אַליין. די האַלב־ווילדע אוזבעקן האָבן זיך פאַרווייַלט, אָבער קייַן גרויסן, מאַטעריעלן דערפאָלג האָט אַלעקסיי מיט זייַנע אויפטריטן סיי ווי נישט געהאַט...

קאַפּיטל זעקס

ווי שוין דערציילט, זענען מיר פאַר דעם קאָלווירט יאַשלי־לענטשי געווען אַ צו שווערער יאָך. די אַלטגעזעסענע יישובניקעס זענען אַליין געווען זשעדנע נאָך אַ טאָג פאַרדינסט. זייער הויפּט־אַרבעט איז באַשטאַנען פון סאָרטירן דעם כלאָפּאָק (ביינוול), דער־נאָך ערשט אָוועקצופירן אין שטאָט אַריין אים אויסצואַרבעטן. אויך די אוזבעקישע פרויען האָבן מיט האַלב־פאַרדעקטע פנימער געטאָן די זעלביקע אַרבעט. זיי זענען אַלע צוזאַמען מיט די שוואַרץ־פאַרהאָנגענע „פאַראַנדזשאַס" געזעסן אַרום דעם געוואַלדיק גרויסן באַנוול־באַרג, וואָס פאַרטאָג איז ער געשטאַנען איינגעהילט אין אַ גרויען נעפּל און ווען די זון איז אַרויף אין זעניט, האָט זיין שנייִיקע ווייסקייט פאַרבלענדט דאָס אויג פון ווי ווייט.

דער ווינטער איז שוין געווען פאַרביי. ווי נאָר עס איז געוואָרן וואַרעמער, זענען די ביעזשענצעס זיך צעלאָפן. איך בין געבליבן אין דאָרף איינער אַליין. עס זענען אָנגעקומען הייסע, זומערדיקע טעג. די זון האָט געבאַקן ממש נישט אויסצוהאַלטן. עס האָט מיך אָנגעכאַפּט די מאַלאַריע. דאָס איז אַ מין חולאת וואָס נעמט אַוועק פון דעם מענטשן דעם מוט צו לעבן און מאַכט אים גלייכגילטיק צו אַלצדינג. ווען זי לאָזט נאָך, פילט מען זיך ווי ניי־געבוירן. מיין אַרבעט אין קאָלכאָז האָט נישט געהאַט קיין ממשות. אָפּגעריסן פון משפחה און פריינד, האָב איך זיך געפילט עלנט. דאָס וואָס מיין מאַמע און שוועסטערס האָבן זיך געפונען ביי די דייטשן האָט מיר נישט געגעבן קיין רו. איך האָב זיך נאָכגעפרעגט אין דער צענטראַ־לער אַדרעסן־ביוראָ וועגן עטלעכע קרובים, וועלכע האָבן געדאַרפט

זיך געפינען ערגעץ אין רוסלאַנד. אין אַ צייט אַרום האָב איך זיך דערוווּסט, אַז איינער פון מיינע שוועסטער־קינדער וווינט אין טשקאַלאָוו. מען האָט אים אַ פאַרוווּנדעטן אויפן פראָנט אָפּגעשיקט אין וויטן הינטערלאַנד. אָבער לאַנג האָט אונדזער קאָרעספּאָנדענץ נישט אָנגעהאַלטן. פון ראַיקאָם איז ווידער אָנגעקומען אַ מאָביליזאַציע־צעטל. אין דריי טעג אַרום האָב איך געדאַרפט זיך צושטעלן צום עשאַלאָן, וואָס האָט זיך פאָרמירט אויף דער שאַריכאַנער באַן־סטאַנציע.

* * *

אין אויסטערליש־שווערע צייטן ווען דער סדר־העולם גייט אַרויס פון זיינע ראַמען, ווערן מענטשן אַרויסגעשטויסן פון זייער נאָרמאַלן סטאַטוס, אַראָפּפאַלנדיק אָפטמאָל צום נידעריקסטן לעבנס־שטאַפּל. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די מלחמה האָט דווקא מיך צום שווערסטן געטראָפן. צו דער מאָביליזאַציע בין איך געגאַנגען קרוע בלוע, ווי אַ בראָדיאַגע פון גאָרקישן טיפּ, וועלכער פאַרמאָגט גאָרנישט מער חוץ דאָס אָפּגעשוואַכטע ביסל לעבן. לויט די באַדויערנדיקע בליקן אַרום מיר, האָב איך, מסתמא, אויסגעזען מסוכן קראַנק.

דערווייל האָט מען קיינעם נישט געלאָזט וויסן ווו מען פירט אונדז. צווישן עולם איז אומגעגאַנגען אַ שמועה, אַז מיר פאָרן קיין אוראַל. דער רוב פון אונדז איז צופרידן געווען וואָס מען פירט אונדז אַרויס פון אַזיאַטישן ראַיאָן, כאָטש טייל האָבן זיך דאָ רעלאַטיוו גאַנץ גוט איינגעאָרדנט.

דער עשאַלאָן איז, ווי דאָס איז נישט קיין נייס, אָפטמאָל געבליבן שטעקן אונטערוועגנס. ווי נאָר ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ סטאַנציע, זענען אַלע אַרויס פון די ענגע טיעפּלושקעס, געלאָפן צום קראַן נאָך „קיפּיאַטאָק״, אָדער גאָר צום נאָענטן פעלד אָפּרייסן אַ ווייסע ציבל, אַ ריב אָדער עפּעס וואָס פון אַנדערע גרינצייג.

באַלד האָט אויף דער גאַנצער לענג פון צוג זיך אויפגעהויבן אַ רויך פון ברענענדיקע שייטערס. יעדער האָטביים גיך פאַנאַנדערגעלייגטן קאָסטער אָפּגעקאָכט פאַר זיך פון גאָרנישט אַ מאכל. פּלוצעם האָט אַ פייף פון לאָקאָמאָטיוו פאַרהילכט דעם גאַנצן אַרום. דאָס האָט געהייסן, אַז מיר לאָזן זיך ווייטער אין וועג. עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל. מען האָט קוים באַוויזן מיט די אָרעמע, פאַרסאַזשעטע קאָך־כלים אַרויפצוקלעטערן אין וואַגאָן אַריין. די הימלעכע שייטערס האָבן איצט נאָך מער זיך צעפלאַקערט, ווי זיי וואָלטן מיט אונדז זיך געזעגנט. דער עשאַלאָן האָט גערירט. יעדער האָט זיך איינגעמאָסטעט אויף זיין אָרט און זשעדנע פאַרצערט זיין פּאַיקע ברויט מיט דעם ביסל וואַרעמס.

מיך האָט אַפילו דער הונגער נישט גענומען, אַזוי אָפּגעשוואַכט בין איך געווען, באַזונדערס דעמאָלט, ווען די מאַלאַריע האָט מיך אַ שטאַרקן כאַפּ געטאָן. קיין הילף איז פון קיינעם נישט געווען צו דערוואַרטן. מיט וואָס האָט מען אין וואַגאָן געקאָנט מיר העלפן? איך האָב ווי ווייט מעגלעך אַליין זיך אָנגעשטרענגט צו שטיין אויף די פיס.

איין מאָל האָט אונדזער עשאַלאָן זיך אָפּגעשטעלט נישט ווייט פון אַ גרויסן פעלד־שטח, וואָס איז געווען געדיכט באַלייגט מיט צייטיקע דיניעס. זייער שאָל פון סעלאַדין־קאָליר איז שוין געווען דורכזיכטיק גרין פון רייפקייט, נאָר זיי אַראָפּצונעמען פון די בייטן. צונויפנעמענדיק מיין לעצט ביסל כוח און קוראַזש, בין איך צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע אַראָפּ פון וואַגאָן, האָב אויפגעהויבן די ערשטע דיניע וואָס איז מיר געקומען אונטער דער האַנט און קוים קוים זי דערטראָגן. די דערלאַבנדיקע זיסקייט פון דער זאַפטיקער ערד־פרוכט האָט מיך מחיה געווען. צוריקקומענדיק פאַמעלעך צו די כוחות, בין איך שוין אַראָפּגעגאַנגען פון דער פריטשע. עמיצער האָט מיר אויפגערוקט די שווערע וואַגאָן־טיר. דורך דער עפענונג

האָב איך דערקענט די געגנט דורך וואָגען איך בין דעמאָלט פאַר דער טאַמבאָווער מאָביליזאַציע פאַרבייגעפאָרן. געווען איז דאָס זומערצייט. מיר האָבן מיט נייגיר אַראָפּגעקוקט צו דער אַלטער רוסישער שטאָט טולע. אַרום האָבן אויף ווייטע שטרעקעס זיך געצויגן פעלדער באַוואַקסן מיט תבואה, קאַרטאָפל און אַנדערע גרינצייג. אויף שפּיצן פון באַגרינטע שיפּועים, אויך אין טאָל, האָבן ווייס־געקאַלכטע כאַטעס מיט אויסגעפּוצטע פענצטער־שויבן שימע־רירט אַנטקעגן דער זון ווי די טולער סאַמאָוואַרן. די געדיכטע בלעטער־קרוינען פון די ביימער אויף די היגלען, האָבן אויסגעזען ווי העלמען פון באַוואָפנטע וואַכלייט, וועלכע היטן געטריי די אַרו־מיקע געגנט.

איצט האָט די ערד געדרימלט אין די רייפע אָרעמס פון האַרבסט. פון ערגעץ אין קילן פעלד האָט שווער זיך געוויקלט דער רויך פון אַ ברענענדיקן שייטער און לאַנג געבליבן הענגען אין אַוויר, ווי ער וואָלט מיט אַ כיוון פאַרשטעלט די לאַנדשאַפט. דער האַרבסטיקער אומעט האָט בלייִיק־שווער זיך געלייגט אויפן געמיט, אַנגעפילט מיך מיט נאָגנדיקער בענקעניש און בין־הזמנים־דיקע זאָרגן. אין אָט דער צייט פון יאָר פלעגט מיין מאַמע „מיט אַ געלעגנהייט" מיר שיקן די ווינטער־מלבושים קיין וואַרשע, ווו איך האָב אין סעזאָן געאַרבעט און נישט געאַרבעט. מיינע קוואַלי־פיקאַציעס אין שניידעריי זענען נישט געווען גענוג אויף אַנצוהאַלטן אַ שטעלע אין דער גרויסער שטאָט. חוץ דעם איז דאָס פּנים מיינס געווען אַ מסור. עס איז אַ פאַקט, אַז יעדע מלאכה לייגט אַ באַשטימטן חותם אויף דער אויסערלעכקייט, אָפּטמאָל אויך אויפן כאַראַקטער פון כמעט יעדן איינעם, וועלכער ציט פון איר פּרנסה.

— איר זעט נישט אויס ווי אַ שניידער — האָב איך אַלע מאָל זיך אָנגעטראָפן מיט דעם זאָג, כאָטש מיין שניידערישער ייחוס ציט זיך פון דורות...

איינער פון אַ סך

מיינע שטוב־אייגענע האָבן געהאַט פאַרשטענדעניש פאַר מיין רייסן זיך אין דער גרויסער שטאָט אַריין, וווּ דאָס לעבן איז רוישי־קער און אינטערעסאַנטער. דער עיקר איז מיר געגאַנגען אין אַ ברייטער קולטור־פּעריפעריע. ווען איך האָב פון וואַרשע אַהיימגעשיקט די צייטשריפט „זיבן טעג" ווו איך בין, צווישן באַקאַנטע שרייבער, געווען פאַרטראָטן מיט מיין ערשט ליד, איז דאָס געווען זייער שמחה. נאָך דעם איז צו זיי דערגאַנגען מיין ליד „אָונטיקע שאָטנס" גע־דרוקט אין „קראָקעווער פּאָסט" — אַ ווינקלדיקע צייטשריפט, ווו עס האָבן אין די דרייסיקער יאָרן פאַרעפנטלעכט זייערע לידער די יונגע דיכטער מ. נאַטיש, ז. באַגיש און אַנדערע. מיין מאַמע און שוועסטערס האָבן פון די אומעטיקע פערזן בולטער דערזען, ווי אַלע וועגן האָבן פאַר זיי זיך פאַרשטעלט. זיי האָבן געהאַפּט און געוואַרט און די יאָרן אַפּגעגנאַרט. ס'איז מיר געבליבן אין זכרון זייער לעצטער בריוו מיט אַ הייסער בקשה זיי אַרויסצוראַטעווען פון היטלערישן כף הקלע. מיט וואָס האָב איך געקאָנט זיי העלפן?

פון די פראָנטן זענען אָנגעקומען נישט קיין פריילעכע ידיעות. דער שונא האָט אין דער לופט און אויף דער ערד מיט אַלע תכסיסי מלחמה געררוקט זיך פאַרויס צו די טויערן פון מאָסקווע. אויף די באַן־וועגן האָבן טאָג און נאַכט געאיילט צו די פראָנטן שווער־אָנגעלאָדענע פּלאַטפאָרם־צוגן מיט טאַנקען, האַרמאַטן, קוילנוואַר־פערס און כלערליי אַנדערע קריגס־וואָפן. אַהין האָבן פון וויטן סיביר געשפּאַרט אין די צענער טויזנטער פרישע כוחות צו באַזיגן די נאַצישע הידרע, צוריק האָט מען פון שלאַכטפעלד געפירט מאַסן שווער פאַרוווּנדעטע אַרטילעריסטן און פּוסגייער, צווישן זיי אויך מיליטערלייט פון העכערן ראַנג.

מיר זענען אָנגעקומען אויף דער טשעליאַבינסקער סטאַנציע. פון דאַנען האָט דער פּאַראָוויק אונדז אַוועקגעפירט אין אַ דאָרפישן

ראַיאָן, ווו מען האָט געזאָלט ערשט באַשטימען ווו אונדז מסדר צו זיין.

* * *

דער האַרבסט האָט שוין אָפּגעטראָטן דעם וועג פאַר דעם ווינטער. אין נאָענטן וואַלד האָבן די צווייגן פון דיביימער שוין געטרעשטשעט פון ערשטן פראָסט. דער ריח פון געקאָכט קרויט אין דער „סטאָלאָווע" האָט גערייצט דעם אַפּעטיט. עס האָט אונדז געצויגן צום אָפּענעם פעסל מיט געזייערטע פּאָמידאָרן. זיי זענען געווען שטאַרק איבערגעזאַלצן און צעפוילט. מען האָט די פאַרסמטע טאָמאַטן שוין פון לאַנג געדאַרפט אַרויסוואַרפן. עס איז אָבער שווער געווען בייצוקומען די זשעדנע לעכצעניש נאָך עפּעס שאַרפס און געזאַלצנס. איינער פון אונדז, אַ שטאַרקער ליבהאָבער פון פּיקאַנטע מאכלים, האָט זיך צוגעכאַפּט צו דעם מאַרינירט־קאַדוק ווי צו אַ הייס געבראָטנס. פאַרגיפטנדיק זיך דעם מאָגן איז ער אויפן דריטן טאָג געשטאָרבן. עס איז געווען אַ גרויל צו קוקן ווי דער בעסאַראַבער יונגערמאַן האָט ,אַראָפּגייענדיק קוים פון געלעגער, געפּרוווט זיך אַליין ראַטעווען. פאַר וואָס האָט מען אים דעמאָלט נישט געגעבן קיין מעדיצינישע הילף? אין שטאָט אַרייך איז נישט ווייט געווען. די שולד פאַר דעם האָט געטראָגן נאַטשאַלסטווע.

קאַפּיטל זיבן

ווי זאָגט דאָס שפּריכוואָרטל? אַ קנויל האָט אויך אַן עק. כאָטש צום צווייטן עק איז נאָך געווען אַ היפּשער מהלך. מיר האָבן ענד־גילטיק „פאַנאַנדערגעלייגט די געצעלטן" אין באָגוסלאַווסק, סווערד־לאָווסקער געגנט. די שטאָט האָט אויך געטראָגן דעם בשותפותדיקן נאָמען קאַרפּינסק, ווייל נישט ווייט, בלויז מיט אַ בריקל דורכצוגיין, האָט זיך געבויט אַ נייער יישוב. געאַרבעט האָבן מיר אין דער בוי־אונטערנעמונג „סטראָיטעלסטוואָ 102", וואָס האָט ערשט זיך עוואַקויִרט פון לענינגראַד.

אַזעלכע אונטערנעמונגען האָבן איבער דעם גאַנצן שטח פון סאָוויעט־רוסלאַנד עקזיסטירט אין די הונדערטער. די אַרבעטס־באַטאַליאָנען זענען דאָס רוב באַשטאַנען פון פּליטים, וועלכע האָבן זיך באַצייטנס עוואַקויִרט פון די אָקופּירטע מערב־געביטן. אין דער ערשטער סטאַדיע פון דער מלחמה האָט מען די נייע בירגער צו וועלכע מען האָט נישט געהאַט קיין איבעריקן צוטרוי, צונויפגענומען און אָפּגעשיקט הינטערן פראָנט. שפּעטער האָבן די פרישע פּראָדוקטיווע כוחות געבערענגט נוצן אין וויטן הינטער־לאַנד, ביים צוריק אויפבויען די שווער־אינדוסטריעס וואָס זענען עוואַקויִרט געוואָרן.

הינטער דער שטאָט האָט זיך געצויגן אַ קייט פון פעלדזיקע בערג. פון דאַנען האָבן מיר געדאַרפט דורכברעכן אַ באַנוועג, וואָס זאָל פאַרבינדן באָגוסלאַווסק מיט אַנדערע ראַיאָנישע סטאַנציעס.

די באַראַקן זענען דאָ געווען בעסער באַוואָרנט ווי אין סאַראַ־טאָוו. זיי זענען אָבער נאָך גאַנץ ווייט געווען פון צו זיין באַקוועם

און וואַרעם. ווי נאָר זיך אומגעקערט מיד און געפּרוירן פון דער האַרעוואַניע, פלעגט יעדער פון אונדז זיך אַוועקזעצן אויף דער פּריטשע, אויפעסן די לאַנג דערוואַרטעטע „פּאַיקע״ מיט דער שיטע־רער „באַלאַנדע״ און גלייך זיך אָפּגעבן דעם שלאָף. יעדע נאַכט האָט אַן אַנדערער דיזשור אַכטונג געגעבן דאָס פייער זאָל נישט אָפּגיין. פאַרטאָג, ווען אין דרויסן איז נאָך גאַנץ פינצטער געווען, איז דער בריגאַדיר, אָנגעטאָן אין זיין וואַרעמען פּעלץ, געקומען אונדז וועקן צו דער אַרבעט. ער האָט טאַקע צוגעגעבן, אַז דער פּראָסט רייסט די נאָז, אָבער דאָס קאָן אונדז נישט אָפּהאַלטן פון אויספירן דעם אַרבעטס־פּלאַן צו דער צייט. דאָס וואַרטן אין דער ריי נאָך דעם נעבעכדיקן פרישטיק האָט זיך לאַנג פאַרצויגן. ביז מיר זענען מיט די פאַרראָסטע פון פראָסט אינסטרומענטן געקומען צו דער אַרבעט, איז שוין געווען ווייסער טאָג. יעדער פון אונדז האָט באַקומען אַן אויפגאַב אויסצוגראָבן אין האַרטן גראַניט צו זעקס, זיבן גריבלעך אַ טאָג. דלובענדיק מיט דער לאָם אין האַריזאָנטאַלער פּאָזיציע, נישט האָבנדיק קיין בויער־מאַשין, איז די עובדה שווער געווען צו דערגרייכן. ווער עס האָט אין דער אַרבעט זיך אויסגע־צייכנט האָט באַקומען אַ צוגאָב־פּאָרציע קאַשע, וואָס איז נישט ווערט געווען דעם געוואַלטיקן פיזישן אָנשטרענג. די אַרבעטער אין באַטאַליאָן האָבן זיך כסדר באַקלאָגט אויף דער שוואַכער דערנע־רונג. אַמאָל האָט נאַטשאַלסטווע צונויפגערופן אַ מיטינג צו באַ־האַנדלען די פראַגע. געבליבן איז ביים אַלטן. — מיט דעם צוגע־טיילטן ביסל שפּייז — האָבן זיי געטענהט — וואָלט מען, אפשר, ווי עס איז געקאָנט אַדורכקומען, אָבער די אויבערשטע פון שטויסל נעמען צו פאַר זיך דאָס פלייש, דעם צוקער, אָפטמאָל אויך דאָס ברויט, און אונדז וואַרפט מען צו די ברעקלעך.

אַ געוויסער טייל פון דער באַגוסלאַווסקער באַפעלקערונג איז

באַשטאַנען פון פאַרשיקטע פויערן־קולאַקעס פון אוקראַינע און פון אַנדערע רוסלענדישע געביטן. דער פאַרשטאָטישער קוואַרטאַל, וואָס האָט אַרויסגעקוקט צום וואַלד, האָט טאַקע אויסגעזען ווי אַ גרויס דאָרף. ווייס־געקאַלכטע כאַטעס, אַרומגעצוימטע גערטנער, פאַרזייט מיט קאַרטאָפל, מערן, קרויט, פּאָמידאָרן, אוגערקעס און אַנדערע. אין די גערטנער בין איך געווען אַן אָפטער בייגאַכטיקער גאַסט. גרויס איז געווען דער פאַרדראָס פון די תושבים ווען זיי האָבן באַגינען געוואָרפן אַ בליק צו די בייטן און פלוצעם דערזען ווי אַ טייל פון זיי זענען אָפּגעליידיקט. ווייטער אָנגיין אויף דעם שטייגער, האָב איך נישט געקאָנט. מיר איז איינגעפאַלן זיך צו ווענדן צום הויפּט פון דער אונטערנעמונג, אַ לענינגראַדער ייד, ער זאָל מיר געבן אַ מעגלעכקייט זיך מפרנס צו זיין מיט דער נאָדל. דער געדאַנק איז אים געפעלן נישט פאַר מיין טובה וועגן, נאָר אויך פאַר זיין אייגענעם נוצן. אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער מיר געגעבן אַן אָנווייז צו אַן אָנפירער פון אַ שניידערשן אַרטעל אין קאַרפינסק. איך האָב זיך אַריבערגעקליבן אין אַ מער־אָנשטענדיקער צוזאַמענווינונג, געשלאָפן אויף אַ ריינעם געלעגער. עס איז געקומען אויף מיר אַן אויפריכטונג. איך האָב פשוט צוריק באַקומען אַ מענטשלעך פנים. מיינע רוסישע מיטוווינער זענען נישט איבעריק צופרידן געווען מיט זייער נייעם שכן, הגם איינער פון זיי האָט באַמיט זיך צו זיין פריינדלעך צו מיר, אָבער נישט צופיל... זיי זענען אַלע געווען מלחמה־אינוואַלידן און זיצנדיק אויף די אייזערנע בעטלעך זיך אָנדערציילט וועגן די קאָשמאַרן אויף די פראָנטן. כאָטש דערצויגן אין גייסט פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, זענען זיי פול מיט שטימונג נאָך אַלץ זיך פאַרגאַנגען אין דעם ווייטיקן תפיסה־ליד פון די צאַרישע צייטן, וואָס דאָס רוסישע פאָלק זינגט נאָך ביזן היינטיקן טאָג:

ש. מיצמאַכער

„סאַלנצע ווסכאַדיט אי זאַכאַדיט,
אַ וו טיורמיע מאַיעי טיעמנאַ״

* די זון גייט־אויף און פאַרגייט
און אין מיין תפיסה־צעל איז פינצטער.

פון דעסטוועגן איז די גאַנצע אַטמאָספער געווען אַ בעסע־רע ווי אין קאַלטן, פאַרוואָרלאָזטן באַראַק. פון מיין וואָכן־לוין האָב איך אָפּגעשפּאָרט זיך צו קויפן אַן אויבער־מלבוש — אַ רויטאַרמייִישן שינעל. צום ערשטן מאָל האָט דער פאַרוואַלטער פון אַרטעל מיר צוגעטיילט אַ רעשטל ברוינעם שעוויאָט זיך אויפ־צונייען אַן אַנצוג. פאַר די שפּולקעס פאָדעם, וואָס איך האָב אָנגע־זאַמלט ווי יתור פון דער אַרבעט, האָב איך זיך איינגעשאַפן צוויי העמדער פון ווייסן סאַטין און אַ פּאָר שיך.

אין אַרטעל האָבן געאַרבעט עטלעכע גוטע באַלמעלאָכעס פון פּוילן. איינעם פון זיי האָב איך נאָך דער מלחמה באַגעגנט אין לאָדזש. ער איז געווען אָנגעשטעלט אין פּוילישן טעאַטער אַלס קאָסטיומירער. דער צווייטער, אַן אָפּשטאַמיקער פון לעמבערג, איז געווען אַ ספּעציאַליסט פון אָפיצירישע פּרענטשן. דער דריטער — אַ הויכער, קרעפּקער ווי אַ טיפּישער יישובניק, האָט געשטאַמט פון וואַרשע. מען האָט אים גערופן „דער ביראָבידזשאַנער״. מיט אים צוזאַמען האָט געאַרבעט זיין פרוי, אַ גוטע נייטערקע. זיי האָבן ווי קוואַליפיצירטע פאַכלייט געהאַט מער אָנזען אין וואַרשטאַט און טאַקע בעסער פאַרדינט.

* * *

ווי אַנדערע גרעסערע און קלענערע אוראַלער שטעט, איז אויך קאַרפּינסק געווען באַלאַגערט מיט פּליטים, באַזונדערס פון לעניני־גראַד. אין שטאָט זענען פאַרגעקומען גאַנץ אָפטע קולטור־פאַרוויי־לונגען. נאָר מיר איז געווען אָנגעשריבן איך זאָל מיט דעם לאַנג

זיך נישט פרייען. נישט באַווייזנדיק אַפילו רעכט אָנצוּוואַרעמען דאָס אָרט, האָב איך פּלוצעם באַקומען אַ מעלדונג זיך אומצוקערן אויף דער סטראַיטעלסטווע, כאָטש מען האָט זיך דאָרט אין מיר נישט שטאַרק גענויטיקט...

די סיבה פאַר וואָס מען האָט מיך צוריקגערופן אויף דער טראַסע, איז אָט וואָס:

מיין נאַטשאַלניק האָט פון דעם אַרטעל־פאַרוואַלטער דערוואַרט אַ ממשותדיקע מתנה פאַר אָוועקגעבן אים אַזאַ אבן טוב — אַ שניי־דער. געווײנלעך, ביי אַ גוטן בעל מלאכה מאַכט דער הויפּט פון דער מאַסטערסקאַיאַ אויך אַ זייטיקן רובל. היות דער לעצטער איז נישט צופרידן געווען פון מיין פאַכמענישער פּראָדוקציע, האָט אים נישט געאַרט וואָס יענער האָט אים אָפּגעטאָן אַזאַ שפּיצל...

אָבער פאַר מיר איז דאָס געווען אַ גרויסער קלאַפּ. מיר האָט זיך זייער נישט געוואָלט צוריקגיין אין באַראַקישן הקדש.

מיין באַווייזן זיך אויף דער טראַסע אינעם נייעם גאַרניטער האָט ביי די היימישע יידן פון מיין בריגאַדע אַרויסגערופן אַ סאַר־קאַסטישן „תתחדש". עס איז נישט שייך געווען ביי יענע אומ־שטענדן אָוועקצוהענגען, ווי דער שטייגער, אַ שענערן מלבוש, פאַר אַ יומא דפגרא צום אַרויסגיין. אַז מען האָט אַפילו אַ בידנע שטיקל נישט געקאָנט איבערלאָזן אין באַראַק. בעלנים אָפּצוקויפן פון מיר דאָס רעקל האָבן זיך געפונען אַ סך. איינער פון די „סוחרים" האָט מיר פאַר אים אָנגעבאָטן צוויי און אַ האַלבן לאַבנס ברויט. איך האָב זיך געטראַכט: איידער עס זאָל ווערן דערפון אַ תל ביי דער שוואַר־צער אַרבעט, אָדער גאַר מען זאָל עס פון מיר אָוועקגנבענען, איז מיר רעכט כאָטש איינמאָל זאַט זיך אָנעסן מיט ברויט. אַזוי בין איך צוריק אַריין אין מיין בראָדיאַגישן טראַכט.

דער נאַטשאַלניק האָט אָבער נאָך אַלץ געוואָלט אויסנוצן אין מיר דעם שניידער. ער האָט מיך גערופן צו זיך אין הויז, איך

זאָל אויפנייען און אויך פאַרריכטן די אַלטע קליידער פון זיין ווייב און גערעטענער טאָכטער. איך האָב גערן אָנגענומען די אַרבעט. קודם כל בין איך עטלעכע טעג געזעסן אין אַ וואַרעמער שטוב. די שטוב איז טאַקע געווען אַ וואַרעמע, נאָר פונקט האָט געטראָפן, אַז דאָס האַרץ פון דער באַלעבאָסטע איז געווען געפרוירן...

* * *

דערווייל איז די אַרבעט אויף דער סטראַיקע אָנגעגאַנגען אין פולן ברען. מען האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרוואַרפן די רעלסן אויף די שפּאַלעס. פון דעם כסדרדיקן ברעכן מיט די אייזערנע לאָמען, דלובען מיט די שפּיצהאַמערס, גראָבן מיט די לאָפּעטעס, זבענקען מיט די שווערע זעצהאַמערס, האָבן זיך שוין געוויזן ממשותדיקע רעזולטאַטן. דער „פּראָראַב", אַן אָפּשטאַמיקער פון פּוילישער גזע, מיט דעם „פּילזאָגנדיקן" נאָמען ביעלישעווסקי, האָט געשפּאַנט איבער דער אויסגעפּאַרטיקטער טראַסע, גאווה־דיק צופרידן פון זיינע איינפאַלן אין דער פּלאַנירונג פון דעם וויכטיקן פּראָיעקט. איצט איז די מי שוין געווען אַ לייכטע און גלאַטיקע. מען האָט די רעלסן בלויז געדאַרפט שטאַרקער צופעסטיקן צו די שפּאַלעס און יעדן אָפּשטאַנד באַזונדער פאַרפילן מיט דריב־נעם קאָנקריט. נאָכן אָוועקראַמען דעם אָפּפאַל האָט מען די ערד־וואַלן משופּעדיק אויסגעגלאַטיקט אויף דער גאַנצער לענג פון וועג, נאָכדעם ערשט באַשאָטן מיט געלן זאַמד.

חוץ וועגן אַרבעט האָבן די טרודאָוויקעס זיך אויסגעהיטן מיט אַן איבעריק וואָרט. איך געדענק נאָך יענעם פיינעם בחור פון ווילנע, וואָס איז אָנגעקומען אין מאָסקווער טעאַטער־שול אַ געענדיקטער לערער. דער לעקטאָר פון יידישער ליטעראַטור האָט מיט אים זיך באַפריינדעט, צוזאַמען מיט אים צוגעגרייט אַ בשותפותדיקע אַרבעט וועגן שלום עליכם. קיין איבעריקער דברן איז יענער נישט געווען. מען האָט אָבער געזען, אַז ער איז מיט עפּעס נישט צופרידן. ביי־

נאָכט זענען אין סטודענטישן „גאַראַדאָק״ געקומען שליחים פון דער מאַכט און אים אַוועקגעפירט, נישט צו וויסן וווּ ער געפינט זיך...

עס האָט אָבער פּאַרט זיך געוואָלט מיט וועמען אויסריידן אַ וואָרט. איין מאָל, שטייענדיק אין דרויסן נעבן באַראַק, איז צו מיר צוגעקומען מיין בריגאַדיר. מיר האָבן שוין געוווּסט וואָס די מנוולדיקע דייטשן טוען מיט די יידן אין די אָקופּירטע שטעט און שטעטלעך פאַר די אויגן פון דער וועלט. עס איז געווען פאַרויס־צוזען, אַז נאָך אָט דער אומגעהויערער קאַטאַסטראָפע, וועט די אידייע פון אַן אייגן ווינקל אויף דער וועלט פאַרנעמען דעם מיטל־פּונקט פון אונדזער נאַציאָנאַלן געראַנגל פאַר קיום. דער בריגאַדיר האָט שווייגנדיק זיך איינגעהערט וואָס איך זאָג. פּלוצעם האָט ער ווי אַ ווינט זיך אָפּגעריסן פון אָרט און געלאָזט מיך אַליין. ביי זיך אין האַרצן איז ער מסכים געווען מיט מיר. די אידעאָלאָגישע אַפּיקורסות פון אָט דער מחשבה האָט אים אַנגעשראָקן. ער האָט זיכער געהאַט פאַר וואָס מורא צו האָבן. אין באַטאַליאָן אַריין איז ער געקומען פון פאַרשיקונג.

* * *

אָפּגעפאַרטיקט זיך מיט דער באַן־ליניע, האָבן די אינזשיניערן פאַרטראַכט אַ נייעם פּלאַן אויפצושטעלן ביי דער זייט פון באַנוועג אַ ריזיקן שפּייכלער. עס האָט געדאַרפט נעמען גענוג צייט ביז דער עקסקאַוואַטאָר זאָל פון באַרגיקן שטח אַרויסגראָבן די ערד אויף אַוועקצולייגן אַ פונדאַמענט. וואָס שייך געהילץ איז אין אוראַל נישט געווען קיין דאגה. אַ שפּייכלער איז טאַקע אַ וויכטיקע זאַך, אָבער פון דעם קאָן דערוויל אַ הונגעריקער מאָגן נישט זאַט ווערן. זומערצייט האָבן די אוראַלער טעג זיך געצויגן ווי פון פעך. איך האָב זיך געפילט אָפּגעשוואַכט. דער בריגאַדיר האָט מיך אָפּגעלאָזט פון דער אַרבעט, איך זאָל גיין אין שפּיטאָל אויף אַן אונטערזוכונג.

דער דאָקטער האָט מיר געגעבן אַ צעטל איך זאָל אַ טאָג צוויי־בלייבן אין באַראַק. אויסנוצנדיק די געלעגנהייט, בין איך יענעם טאָג אַוועק אין וואַלד קלויבן שוועמלעך.

דאָס איז געווען אין אַ זוניקן אינדערפרי. דער וואַלד, אַן אַלטער באַוואַקסענער ריז, האָט זיך געבאָדן אין טויען. דורכשלאָגנדיק זיך אַ וועג דורך דער קילער ביימער־געדיכטעניש בין איך אַרויס אויף אַ פּאָליאַנקע. דער פרישער טוי האָט געפינקלט מיט אַלע רעגנבויגנדיקע קאָלירן. פון מאָל צו מאָל האָבן אין דער וואַלדשטילקייט מיט באַזונדערער הימלעכקייט זיך צעהילכט דער מנגנישער צוויטשער פון אַ פויגל. פון ערגעץ האָבן איבעררופנדיק זיך דערטראָגן מענטשלעכע קולות: יו־הו! יו־הו! ווי מען וואָלט, פאַרבלאָנדזשעטע, איינער דעם אַנדערן געזוכט.

די אומבאַרירטע אורווילדעריש האָט איצט נישט אַנגעוואָרפן אויף מיר אַזאַ אימה ווי אין יענעם ווינטערטאָג, ווען איך האָב אין פריש־אָנגעפאַלענעם שניי פאַרלוירן דעם וועג קיין קאַרפּינסק. כ׳בין דעמאָלט געגאַנגען אויסבייטן אַ לעבל ברויט פאַר אַן עמער קאַרטאָפל. טאַפּטשענדיק אַזוי אין טיפן שניי האָט פּלוצעם צו מיין אויער זיך דערטראָגן אַ דריבנער גלעקל־געקלאַנג. דאָס האָט אַ פויער איינגעקוטעט אין אַ לאַנגהאַריקן בערן־פּעלץ געטריבן צוויי יונגע פערד איינגעשפּאַנט צו אַ נידעריקן שליטן. אויף אים איז געלעגן אָנגעשפּאַרט און צוגעפּעסטיקט פון פאַרנט מיט אַ שווע־רער קייט, אַן אונטערגעזעגטער שטאַם. די ברעווונע האָט נאָכשלע־פּנדיק זיך, ווי אָפּגעראַאַמט פאַר מיר דעם וועג, מיר זאָל לייכטער זיין צו גיין. נאָענט צו דער שטאָט האָב איך דעם שליטן פאַרלוירן פון אויג. מיין וועג האָט געפירט צו דער הילצערנער בריק. דורכגייענדיק האָט פון ביידע זייטן טייך דער פראָסט נאָך שטאַרקער געצוויקט דאָס פּנים. ביז איך בין אָנגעקומען אין שטאָט איז שוין געווען פאַרנאַכט. איך האָב געדאַרפט נאָך דורכמאַכן דעם זעלבן וועג אויף צוריק. אָבער

דאָ האָט געטראָפן מיט מיר אַן אַנדערע צרה. מײנע לאַפּטיעס זענען אין מיטן וועג זיך צעפֿאַלן. איך האָב נאָכאַנאַנד געמוזט זיך אָפּשטעלן און זיי איבערבינדן.

דערווייל האָט די זון מיט איר לעצטן ביסל רויטס אַנגעוואָרפן דאָ און דאָרט עטלעכע שפּילנדיקע פלעקן. זי האָט אַנגעזאָגט אויף מאָרגן אַ שטאַרקערן פראָסט און איז אַנטרינען. איך האָב אין דער אָוונטיק־פראָסטיקער טונקלעניש געטשאַפּעט דורך דער שנייִיקער וויסטע כמעט אַ באָרוועסער. אַ ווייט בילן פון אַ הונט האָט מיך דערמאָנט אין ווילדן געוואָי פון הונגעריקע וועלף, וואָס קומען גאַנץ אָפט אַנטקעגן דעם וואַנדערער אויף פאַרשנייטע וועגן. ערשט ביים עק וואַלד האָט זיך געוויזן דאָס מוטנע באַלויכטענע פענצטערל פון באַראַק. איך האָב לייכטער דערמאָלט אָפּגעאָטעמט.

טרעטנדיק איצט מיט ווייכע טריט אין זאַפטיקן גראָז, האָבן זכרונדיק פאַר מײנע אויגן זיך פאַרבייגעוויקלט די היימישע פעלדער, די הינטערשטאָטישע שליאַכן, דער טייך, וואָס האָט מיט זיין שטראָם מיטגעשלעפּט דעם אומרייִנעם אָפּפלוס פון מאַנדלבוימס זייף־פאַבריק. נישט יעדער אַרבעטזוכער האָט געהאַט די זכיה צו באַקומען אין יענער פאַבריק באַשעפטיקונג. פרייע צייט האָב איך דעמאָלט געהאַט גענוג. אין לויטערע זומערטעג איז נישט געווען עפּעס אַנדערש וואָס צו טאָן, ווי זיצן הינטערן צווינטער, באַוווּנדערן די נאַטור און לייענען ביכער. אוודאי איז דאָס געווען אַ וועגעטירנדיק לעבן. בין איך דען צווישן דער יוגנט געווען איינער, וואָס איז אומגעגאַנגען בטול ומבוטל?

פאַר מײנע אויגן זענען איצט געשטאַנען די מאַמע און שוועסטערס. זייער גורל איז געווען דער זעלבער פון אַלע יידן אין פּוילן. נאָר מיין משפּחה האָט געקאָנט אויסמיידן דעם פינצטערן גזר, ווען נישט דער טאַטע. זינט ער איז דעמאָלט, נאָך זיין גאַנצניאָריקן וויזיט צוריק אַוועק אויף יענער זייט ים, האָט ער כמעט אין גאַנצן

זיך אָפּגעריסן פון אונדז. אמת, אין די אָנהייב דרייסיקער יאָרן האָט די רייכע אַמעריקע דורכגעמאַכט אַ שווערן קריזיס. די אַרבעטס־לאָזיקייט האָט אויך אין גאָלדענעם לאַנד אָנגענומען דראָענדיקע פאַרמען. מיין טאַטע האָט גראָד אין יענער צייט נישט געקאָנט האָבן קיין מעגלעכקייט אונדז צו העלפן. דאָך איז זיין האַנדלונג נישט געווען אין אָרדענונג.

אין די ערשטע חדשים פון מיין זיין אין אָרשע, האָב איך אומגעריכט דערהאַלטן פון דער מלוכהשער באַנק אַן אָנווייז אויף אַ געלטשטיצע פון קאַנאַדע. דאָס האָט ביי מיר אָפּגעקלונגען ווי אַ גאָר ווייטער עכאָ. איך בין אָן חשק געגאַנגען אָפּנעמען דאָס געלט, בכדי נישט אַרויסרופן צו זיך קיין חשד. דאַכט זיך, אַ פּשוטער פינאַנציעלער ענין. דאָך איז דאָ אויך געווען אַ גרונט צו זיין פאַרויסזעענדיק.

וואָרפנדיק אַ וויטערן בליק אויף צוריק — ווערן מיר היינט ערשט קלאָר די סיבות פון אונדזער משפחהדיקער צעריסנקייט:

זיין אַ שפּייזער פון אַ געזינד זאַלבע זעקס איז פאַר אַ בעל־מלאכה אין פּוילן נישט געווען קיין קלייניקייט. מיין טאַטע האָט אין שטאָט געשמט פאַר אַ גוטן, באַשטעלטן שניידער. אָבער „צונויפּ־שטעלן" אַ מלבוש האָט ביי אים גענומען גאַנץ לאַנג. זיין קליענ־טעלע איז דאָס רוב באַשטאַנען פון פּריצים, וועלכע פלעגן יעדן נאָכשניט קומען רייטנדיק אויף אָנגעזאָטלטע פערד און באַשטעלן אַ גאַרניטער אָדער אַ פּעלץ אויף ווינטער.

די „פּריצישע גיטער" האָבן אַ מאָל געהערט צו מיין זיידן, אויך אַ שניידער. נאָך ווענען דער „יאַשני וויעלמאָזשני" פלעגט פון צייט צו צייט שיקן אַ „פאָרנאָל" מיט פערד און בריטשקע, ער זאָל ברענגען דעם קראַוויעץ אין הויף אַריין. מיין טאַטע איז גאַנץ אָפט געגאַנגען איבער די דערפער מיט דער „זוידע" אָנגעהאַנגען אויפן האַלדז. אויף דער אימיעניע האָבן די הינט פון ווייטנס שוין

דערשמעקט, אַז עס דאַרף זיך דאָ יאָווען נישט קיין געהויבענער גאַסט. ווען דער חיים האָט זיך דערנענטערט צום פּריצישן הויז, זעענדיק, ווי עס זאָגט זיך, יעדער הונט אויף זיין גרונט, די כלבים אים באַפאַלן מיט ווילד האַווקעריי, ממש אים צו צעררייסן. ווי דער טאַטע האָט דערציילט, פלעגט דער פּריץ שטיין ביים פענצטער און זיך קאַטשען פון געלעכטער, צוקוקנדיק ווי דער אַנגעשראָקענער ייד טרייבט פון זיך אָפּ די הינט מיטן שטעקן. אַנגעלאָכט זיך געזונג, האָט ער געהייסן דעם ייד אַריינרופן. ביים אָנמעסטן דאָס אויסגעפּאַרטיקטע „שטיקל אַרבעט״, האָט דער טאַטע געמוזט זיין געדולדיק צום נאַבלמאַנס מאָדנע קאַפּריזן. אויב דער פּריץ האָט, בעתן אויספּירן אַ סדרה גימנאַסטישע איבונגען, נישט געפילט זיך אין נייעם אָנצוג באַקוועם, האָט דער שניידער געמוזט אים צוריקאַהיימנעמען און אים איבעראַרבעטן ווי יענעם איז געפעלן.

אין לאַנגע ווינטער־אָוונטן האָט דאָס גאַנצע הויזגעזינד געוואַרט מיט פּאַרטאַיעטן אומרו, דער טאַטע זאָל מיט מזל אַהיימקומען פון אונטערוועגנס. אין אויוון איז אַלץ שוין געווען אָפּגעקילט. די מאַמע האָט אַרויפגעשטעלט די וויעטשערע אויף די לעצטע, גליענדיקע קוילן, זי זאָל נישט אינגאַנצן קאַלט ווערן. קוים אַריבערטרעטנדיק די שוועל האָט דער טאַטע זיך צוגעזעצט צום אויוון, טוליענדיק די פּלייצעס צו די צוויי ציגל, וואָס האָבן נאָך געהאַלטן אַ ביסל היץ און זשעדנע פאַרצערט דאָס וואַרעמס.

אויך פון די יידישע קליענטן האָט דער טאַטע געהאַט „צו זינגען און צו זאָגן״. די גבירים האָבן געוואָלט גוטע מלאכה פאַר ווייניק געצאָלט. און אויך מיט דעם לעצטן האָבן זיי אָפּגעשלעפּט ביז אין דער לאַנגער באַנק. ווען ער פלעגט גיין צו זיי אויפמאָנען דעם חוב און אַהיימקומען מיט ליידיקע הענט, האָט ער אויסגעלאָזט זיין כעס צו דער מאַמען. —

דער פאָדעם פון זכרונות און דערמאָנונגען האָט אין דער

וואַלדיקער שטילקייט זיך געצויגן און געצויגן. דערווייל האָב איך אָנגעקליבן אין דער טאָרבע געגוג ברוינע שוועמלעך. שוין צייט געווען זיך אומצוקערן אויף דער באַראַקן־טעריטאָריע און אָנקאָכן אין דרויסן דאָס גליטשיקע מאכל, וואָס איז אַרויסגעקומען נישט געזאַלצן און נישט געשמאַלצן.

קאַפּיטל אַכט

נאָך דער פֿינצטערער מפּלה פֿון די דייטשישע אָנפֿאַלער הינ־טער סטאַלינגראַד, איז די מלחמה אַריין אין איר דעציזירנדיקער פֿאַזע. דער ברוטאַלער שונא האָט אין יענער בלוטבאָד פֿאַרלוירן זיין וויכטיקסטע מיליטערישע פּאָזיציע. די היטלעריסטישע חיילות האָבן פֿון איצט אָן כּסדר אָפּגעטראָטן אויף צוריק. די אָפּטע ראַדיאָ־קאָמוניקאָטן וועגן זיגערישן פֿאַרויסמאַרש פֿון דער רויטער אַרמיי, האָבן אויפֿגעמונטערט דאָס פֿאַרקלעמטע געמיט. אַ נייע האָפֿענונג האָט געגומען זיך פּיקן און מיט יעדער געוווּנענער שלאַכט אַלץ מער זיך צעבליט. די אַלגעמיינע פֿרייד איז אָבער ביי די פּליטים פֿאַרטונקלט געוואָרן פֿון אייגנפּאַלקישן טרויער. קיין פּרטימדיקע ידיעות פֿון די חרובֿע יישובֿים זענען דערוויייל צו אונדז נישט דער־גאַנגען. אָבער יעדער פֿון אונדז האָט געטראַכט ביי טאָג און געחלומט ביי נאַכט וועגן זיך אָקופּירטער היים.

אין אַ צייטונג האָב איך שוין לאַנג נישט אַריינגעקוקט. כ׳האָב באַדויערט די צייט וואָס איז מיר דורכגעלאָפֿן אָן ממשותדיקן איב־האַלט, הגם פֿון סאָלדאַטישע דערפֿאַרונגען איז אויך געווען גענוג וואָס צו לערנען. אין דעם אַרבעטס־באַטאַליאָן האָבן אויך זיך געפֿו־נען מענטשן פֿון גייסט מיט שטאַרקן אינטערעס פֿאַר ליטעראַטור און קונסט. אין באַראַק פֿלעגט אַ רוס, זיצנדיק אויף דער אויבערש־טער נאַרע, פֿאַרלייענען פֿון זכרון אייגן געשאַפֿענע לידער. ער איז געווען פֿול מיט די ווידראַנאַנדיקע שטרעמונגען אין דער סאָוויעטישער דיכטונג, וועלכע זענען אויפֿגעקומען אין די ערש־טע יאָרן נאָך דער רעוואָלוציע. די פֿאַרגעלייענטע שאַפֿונגען פֿון

דעם דיכטער־וואַגאַבונד האָבן ביי מיר צוריק אַרויסגערופן נשמה־דיקע געפילן, וועלכע זענען דורך די אומאויפהערלעכע טאָג־זאָרגן געוואָרן ווי אָפּגעטעמפּט. די דערפרייענדיקע ידיעות פון די פראָנטן האָבן אינספּירירט אַריינצוקוקן אין דער צוקונפט מיט אַ ביסל אָפּטימיזם. איך האָב אין דמיון געפּרוּווט צוריק אויפשטעלן מיין חרובע וועלט. דער חלום פון מענטשלעכער רו און שעפעריש־קייט האָט ווידער גענומען זיך וועבן.

אין דעם לייענזאַל פון דער קליינער שטאָטישער ביבליאָטעק אין באַגוסלאַווסק האָב איך, צווישן אַנדערע צייטונגען און צייט־שריפטן, צום ערשטן מאָל באַמערקט די מאָסקווער „אייניקייט״. פון די פּירקאַנטיקע אותיות האָט אַ שלאָג געטאָן מיט ליכט און וואַרעמקייט. איך האָב באַהאַלטענערהייט צוגענומען די צייטונג פאַר זיך און לאַנג מיט איר זיך אַרומגעטראָגן ווי מיט אַ הייליקער קמיע.

קיין באַריכותדיקע באַריכטן וועגן דער יידישער לאַגע אין יענע טעג האָט מען אין דער „אייניקייט״ נישט געפונען. צווישן נעמען פון באַקאַנטע שרייבערס האָב איך דאָרט אַנגעטראָפן אויף ל. קופּער־שמידט, דעם יונגן דיכטער פון פּוילן. ער איז אויף די ליטעראַרישע שפּאַלטן געווען פאַרטראָטן מיט אַ ליד וועגן קוילנגרעבער. פון די דורכגעלייענטע פערזן האָט מען געקאָנט משער זיין, אַז דער דיכ־טער אַרבעט אין אַ קוילנשאַכט.

קופּערשמידטס דיכטעריש ליד איז ביז היינט נאָך דורכגענומען מיט טיפן טרויער און דערשלאָגנקייט. דער ריטם פון זיין פערז איז אַ האַמעטנער. פון וואַנען ס׳האָבן דעמאָלט צו אים זיך דערנומען אַזעלכע מזמורדיקע פערזן, איז געווען אַ וווּנדער. אגב, האָט דער דיפּיראַמבישער טאָן פון דער סאָוויעטישער דיכטונג זיך אויך אַנגע־נומען ביי מער אַנגעזעענע דיכטער פון פּוילן, ווי נאָר זיי זענען אַנ־געקומען קיין ביאַליסטאָק. דער אידעאָלאָגישער כאַראַקטער פון זייער

דיכטונג האָט אונטער יענע באַדינגונגען נישט געהאַט קיין ערנסטן, פּסיכאָלאָגישן גרונד, ווייל צו קורץ איז געווען די צייט פון זייער אַריינפּאַסן זיך אין דעם נייעם, סאָוויעטישן לעבנס־שטייגער. אַזוי האָט דאָס פאַרוואָגלטע דיכטערישע געמיט געליטן פון אינערלעכער צעשפּאָלטנקייט. פון איין זייט, די טויטשרעק פאַר דעם היטלעריס־טישן משחית, די זאָרג וועגן זייערע באַדראָטע משפּחות אויף יענער זייט גרענעץ און בכלל די גאַנצע ספּערע פון זייער איינגעבוירענעם פּילן און טראַכטן. פון דער אַנדערער זייט, האָט קיינעם פון די פּליטים לעת־עתה נישט געדראָט קיין טויט־געפאַר. דערצו נאָך: די צוזאָגנדיקע שעפערישע מעגלעכקייטן, דער הייטערער טומל אויף די גאַסן. מען האָט געפילט זיך מונטערדיק פריי, און דאָס האָט סטימולירט.

קופערשמידטס ליד האָט אין מיר אָנגעצונדן דעם באַרעכ־טיקטן געפיל פון קנאת סופרים. אין ווייטערדיקע נומערן „אייני־קייט", וועלכע זענען שפּעטער שוין אָפּטער מיר געקומען אין האַנט, האָב איך אָנגעטראָפן אויף אַנדערע באַדייטנדיקע נעמען אין דער מאָדערנער, יידישער ליטעראַטור — לעבעדיקע סימנים פון אַ נאָך נישט אין גאַנצן פאַרלוירענער וועלט.

קאַפּיטל נײַן

די ידיעה, אַז מען האָט די דײַטשישע באַלאַגערונג אַרום לעניני גראַד דורכגעבראָכן, האָט אַרויסגערופן גרויס פרייד ביים פאָלק. מען האָט אַרויסגעפּאָדערט אונדזער סטראַיטעלסטוואָ קיין וואָלאָגדע אויפצובויען צוריק דעם דאָרטיקן באַנקנופּ, וואָס דער אָפּטרעטני דיקער שונא האָט רשעותדיק צעשטערט. דאָס לאַנגע שלעפּן זיך מיטן עשאַלאָן האָט זיכער נישט געהערט צו די באַזונדערע פאַרגעני ניגנס, דער ווינטער האָט נאָך גאַנץ שטאַרק געלאָזט זיך פילן. דאָך איז אונדז ווױלגעפעלן, וואָס מיר קערן זיך אום צוריק אין אייראָפּעישן טייל פון לאַנד. געווען יחידים, וועלכע האָבן געהאַט אַ באַגרינדעטן אויסרייד זיך אַרויסצודרייען פון דער ווייטער נסיעה, מחמת זיי זענען מיט באַגוסלאַווסק שוין געווען משפּחהדיק פאַרי בונדן. מיר האָבן מיטגענומען אין אַ פאַרמאַכטן וואַגאָן געגוג קאַרי טאָפל מיט קרויט און געהאַט אַן אייגענע קיך. מיט ברויט האָבן אונדז באַזאָרגט די שטעט ווו מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט. אויף איינער פון די אוראַלער סטאַנציעס בין איך פאַרנאַכט אַוועק צום וואָקזאַל נאָך „קיפּיאַטאָק”. גייענדיק צוריק, האָב איך פון דער נאָענט פלוצים דערהערט אַ געקלימפּער פון וואַגאָנען בעת זיי שטויסן זיך צונויף ביים ערשטן שלעפּ פון לאָקאָמאָטיוו. איך האָב, וואַרפנדיק אַלץ פון די הענט, געלאָזט זיך לויפן נאָך דעם ריירנדיקן צוג און קוים באַוויזן זיך אַרויפצוכאַפּן אויף צוויי ברעטערדיקע טרעפּי לעך צוגעקלאַפּטע צום אַריינגאַנג פון לעצטן וואַגאָן. לויט דעם הילצערנעם סקריפּ אונטער מײַנע פיס, איז מיר טויט־שרעקיק קלאָר געוואָרן, אַז די האַפּטיקייט פון די צוגענעגלטע טרעפּלעך איז נישט גלײַכמאָסיק צו מײַן פיזישער וואָג. איך האָב מיט איין פוס זיך אָנגעשפּאַרט אויף דער אַזויגערופענער שוועל פון וואַגאָן און מיט דער האַנט זיך אָנגעהאַלטן אָן אַ שטיקל פּרענט, וואָס האָט אַרויסגעשטאַרט איבער מײַן אַקסל. אַ פראָסטיקער ווינט האָט

ברענענדיק געשמיסן מיין פּנים, געבריט די שפּיצן פון מיינע פינגער. איך האָב געקלאַפּט אין דער טיר. דאָס טראַסקען פון די רעדער האָט פאַרטויבט מיין פאַרצווייפלטן רוף זי צו עפענען. ערשט ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, בין איך גיך אַריין אין טיעפּ־לושקע, אַ גליקלעכער וואָס איך בין לעבנגעבליבן.

מיר זענען אָנגעקומען קיין סטאַראַיאַ רוס. דאָ איז די באַנליניע געווען צעבראָכט און פאַרלייגט מיט ברוכוואַרג. מיר האָבן געדאַרפט איצט אָוועקגיין צופוס צו דער אַנדערער סטאַנציע וואָס אין יענעם עק שטאָט. שפּאַנענדיק אין טיראַליערקע, האָב איך דערוויילן זיך פאַר־קוקט אויף די חורבות. ערגעץ נאָענט האָט זיך געהערט אַ האווקען פון אַן איינזאַמען הונט. צווישן די פּוסטקעס האָט אַרומגעבלאָנקעט אַ פרוי, ווי זי וואָלט געזוכט דאָס אָרט ווו עס איז פריער געשטאַ־נען איר היים. איך האָב געוואָרפן אַ בליק אין יענער זייט און באַמערקט ווי אויף דער גאַנצער לענג ציט זיך אַ ריי פון גוט באַוואָרנטע, מיליטערישע בונקערס. קענטיק, אַז אויף דעם שטח איז פאָרגעקומען אַ ביטערע שלאַכט. איך האָב מיט ציגלדיקע איינגעמויערטע טרעפּלעך זיך אַראָפּגעלאָזט אין איינער פון די זעמ־ליאַנקעס. די רוצחים האָבן זיך דאָ איינקוואַרטירט מיט נאָרמאַלע באַקוועמלעכקייטן ווי אין באַזעסענע היימען. די ווענט — באַקלאַפּט מיט גלאַטיקע, הילצערנע דיקטן. איבער די אייזערנע בעטלעך זענען געהאָנגען אייגן־געצייכנטע בילדער פון נאַקעטע פרויען אין יצר־הרעדיקע פּאָזעס, אַ קיילעכיק טישל. עטלעכע ווינער שטולן. אַ היל־צערנער דיל. אין מיטן — אַ געמויערטע קיך וואָס האָט אויס־געקוקט ווי אַ צעמענטענע וואַזע. אַלץ האָט דאָ אַרויסגערופן באַוווג־דערונג. עס איז שווער געווען צו באַנעמען ווי דאָס שיינע און גוטע אינעם מענטשן לעבן בשלום מיט דעם בעסטיאַל־פאַרדאָרבענעם. דאָס חייהשע האָט באַזונדערס זיך אויסגעדריקט אין דער באַציונג צום ייד.

פאַרחידושט פון דעם בייזן ווונדער, האָב איך מיטאַמאָל זיך געכאַפּט, אַז איך בין אָפּגעשטאַנען פון דער מחנה. איך האָב זיך אומגעקוקט. הינטער מיר האָט נאָך איינער פון מיין בריגאַדע געבלאָנקעט צווישן די רוינעס. מיר האָבן ביידע איצט שוין אַ ביסל רירעוודיקער געשליאָמפּערט צוזאַמען. ביים אויסבויג פון דער גאַס איז געשטאַנען אַ וואַכפּאָסטן. דער פּאַטרול האָט אונדז פאַרהאַלטן.

— אַד קודאַ? — האָט ער אונדז פאַרשעריש געפרעגט און גלייך אונדז צוגעפירט צו אַן אויסגעליידיקטן שייער ווו עס האָט סטאַנציאָנירט אַ קליינער אָפּטייל סאָלדאַטן. ביים אָפענעם טויער האָט געברענט אַ קאָסטער. די רויטאַרמייער האָבן זיך געוואַרעמט ביים פייער און מיט הנאה פאַרצויגן דעם רויך פון שטאַרקער מאַכאָרקע. איינער פון זיי האָט גלייך באַקומען אַ באַפעל אונדז אַוועקצושיקן אויף אַן אויספאָרשונג. די מידקייט האָט פון לאַנגן אַרומגיין אויף די פיס זיך געלייגט אין די ביינער. נאָר ווי זאָגט לייוויק אין איינס פון זיינע סיבירער לידער? — „גיין דאַרף מען גיין”. מיר זענען צוגעקומען צום ברעג פון אַ טייך. אַ וויטער מהלך האָט אונדז אָפּגעטיילט פון דער בריק וועלכע וואָלט אונדז אַריבערגעפירט אויף יענער זייט שטאָט. פון צווישן די חורבות האָבן זיך אַרויסגעזען עטלעכע גאַנץ־געבליבענע הייזער. אַזוי ווי עס איז שוין געווען בין־השמשות, איז דעם פּאַטרול איינגעפאַלן צו מאַכן קפיצת הדרך. אין דער ברייט פון טייך איז נאָך האַלב איינגעפרוירן געלעגן אַ בערווענע. דער ערשטער איז פלינק אַריבער אויף יענער זייט ברעג דער רויטאַרמייער. נאָך אים האָט שווער זיך געריירט דער ייד פון בוקאָווינע. די לעצטע פרעסטלעך האָבן מער נישט געהאַט קיין קראַפט צו פאַרהאַלטן דעם אָנהייב־פרילינגדיקן וואַסערשטראָם אונטער דעם אונטערגעשווענקטן אייזדעק. בשעת מיין מיטגייער איז שוין געשטאַנען אינמיטן טייך, האָט דאָס אייז זיך געבראָכן. ער איז געבליבן שטעקן אין וואַסער ביזן גאַרטל, בעטנדיק הילף.

קלאַמערנדיק זיך מיט איין האַנט אין ברעג, האָב איך מיט דער צווייטער אַהערגעצויגן דעם טרינקנדיקן צו זיך.

דער סאָפּיאָר וועמען עס איז נישט איינמאָל שוין אויסגעקומען דורכצוגיין טיפע וואַסערן מיט שווערן אָנלאָד אויף די פּלייצעס, האָט, פון דעסטוועגן, חרטה באַקומען אויף זיין איינפאַל. בעת ער האָט דעם אַרויסגעראַטעוועטן געזען אַ לעבעדיקן אויפן ברעג, האָט איבער זיין פּנים זיך באַוויזן אַ צופרידענער שמייכל.

— אויך מיר העלדן — האָט ער גוטמוטיק פון יענער זייט זיך אָנגערופן.

דער פּאַטרול האָט אונדז געהייסן וואַרטן ביים ברעג ביז ער וועט זיך אומקערן. ווען ער איז צוריקגעקומען, איז שוין געווען נאַכט. ערשט איצט האָט ער גענומען אונדז פירן צו דער בריק. מיר זענען ספּאַטיקענדיק זיך איבער אָנגעוואַלגערטע הויפנס ציגל קוים אָנגעקומען צו אַ ווייניק באַשעדיקטן בנין. אין איינעם פון די פיל פאַרמאַכטע צימערן איז געזעסן אַ יונגער אָפיציר און ביי דער געדעמפּפטער שיין פון אַן אַבאַזשור־לעמפּל געלייענט אַ בוך. ער האָט אונדז אויפגענומען מיט אַ שמייכל, וויסנדיק שוין פון פריער וואָס מיט אונדז האָט געטראָפן. דער אָפיציר האָט גענוי באַטראַכט די צוויי „אַדלערס" אין דורכגענעצטע טראַנטעס. נאָכן שטעלן עטלעכע פראַגן, האָט ער זיך איבערצייגט, אַז עס איז נישטאָ קיין גרונט אונדז צו האַלטן אונטער אַ פאַרדאַכט.

איצט ערשט האָבן מיר אין דער געדיכטער פינצטערניש גע־דאַרפט אויסגעפינען ווו עס לאַגערט אונדזער אָפּטייל. מיר האָבן געצויגן דאַרט אַהין ווו עס האָט פון וויטנס איבער אַ שוואַרצן דאַך זיך געוויזן אַ רויטלעכער ליכט־פלעק. ווען מיר זענען אָנגעקומען אויפן אָרט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען האָט אונדז אַרעסטירט גאַרנישט ווייט פון דער סטאַנציע, בעת אונדזערע טרודאָוויקעס האָבן אָקאָרשט פאַרביימאַרשירט פאַר דעם וואַכפּאָסטן.

קאַפּיטל צען

אין וואָלאָגדע האָבן מיר געטראָפן די באַנליניע שוין אויס־פאַרריכט. היות מיר זענען נישט אָנגעקומען אַהער אין דער ריכטי־קער צייט, האָט מען פאַראָרדנט אַ נענטערע סטראַ:טעלסטווע אויס־צופירן די אַרבעט.

דאָס מאָל האָט אונדזער עשאַלאָן נישט לאַנג זיך פאַרהאַלטן. אונדזער ווייטערדיקער עטאַפּ איז געווען נאַדגאָרנאַיע — אַן אומ־באַוווינט דאָרף דרום־זייט פון גאַטשינאַ. עס זענען דאָ געשטאַנען עטלעכע גאַנץ געבליבענע כאַטעס פון פיל אַנדערע אויסגעגליכענע מיט דער ערד. אויף יעדן שריט — חורבות, צעבראָקטע מלחמה־טראָפּייען — שפּורן פון אַ גרויסער בלוטיקער שלאַכט. ווו נישט ווו האָט מען אין פעלד אָנגעטראָפן אויף אַ טויטן קערפּער פון אַ דייטש, ווי ער וואָלט נעכטן געפאַלן אין שלאַכט. אין די ערד־שטיבלעך האָט מען געפונען פיל זאַכן פאַר ציווילן געברויך און אַנדערע נוצלעכע טראָפייען. די רויטאַרמייִשע אָפּשטויס־אַטאַקע אַרום לענינ־גראַד איז געווען אַזאַ צעשמעטערנדיקע, אַז די צעטומלטע דייטשן האָבן אַנטלויפנדיק אַלצדינג איבערגעלאָזט.

מען האָט געדאַרפט רעמאָנטירן די אַנדערע האַלב־חרובע הייזקעס אין וועלכע עס איז נאָך מעגלעך געווען צו וווינען. די פאַרלעגענע מאַטראַצן און אייזערנע בעטלעך, די בלעכענע עמערס און אַנדערע האַלב־טויגעוודיקע מכשירים האָבן פאַר די נייע דאָר־פישע איינוווינער נאָך געקאָנט ברענגען נוצן.

דורך דער גאַנצער צייט פון אונדזער זיין אין נאַדגאָרנאַיע, האָט קיינער פון די אַלטע תושבים זיך נישט אַהער געיאָוועט. דער

אָקופּאַנט האָט דעם רוב פון זיי פאַרטריבן קיין דייטשלאַנד אויף שווערער אַרבעט. אַ טייל פון די פאַרבליבענע זענען זיכער אומ־געקומען אינעם געדיכטן האָגל פון אַרטילעריע־פייער און באָמבעס בעת יענער אַטאַקע. קאָן אויך זיין, אַז די ניצול־געוואָרענע האָבן פאַרלוירן די רעכט צו וווינען נאָענט צו דער הויפּטשטאָט. עס איז געווען אַ טעם דערביי.

די אַרבעסט־צייט האָט מען עטלעכע פון אונדז, אומפעיִקע צו פיזישער אַרבעט, אָפּגעשיקט אין אַן אַנדערער דאָרפישער געגנט קלויבן אין די דאָרטיקע וועלדער קלוקווע.*) יענער יישוב האָט ווי דורך אַ נס כמעט אויסגעמיטן דעם חורבן. דער חוצפּהדיקער אָקופּאַנט האָט אויך פון דאָרטן פאַרשלעפּט אַן אַנזעעוודיקן טייל פון דער באַפעלקערונג אין פאַרוואָרפענע דייטשלענדישע פּראָווינצן. צווישן די פאַרבליבענע האָבן זיך נאָך אָפּגעזוכט יונגע פרויען, פון וועמענס פּנימער מען האָט געקאָנט אָראָפּלייענען דעם סודותפולן אויסדרוק פון ניחאדיקער איבערלעבונג. זיי האָבן גערעדט אַ פּלי־סיקן דייטש. אין זייער אויפפיר האָט זיך געמערקט אַ באַשטימטע עלאָקווענץ, וואָס נעמט זיך פון געוויסער פרויישער זעלבסטזיכער־קייט. די פרויען האָבן איבערגעלאָזט דעם איינדרוק ווי זיי וואָלטן נישט טיף איבערגעלעבט דעם גערמאַנישן גלות. די סאָוויעטן־מאַכט האָט אַזוי אַרום פאַרלוירן צו זיי דעם צוטרוי, הגם צווישן זיי האָבן זיך אויך געפונען אַזעלכע, וואָס זענען גרוי און אַלט געוואָרן פון שרעק און מורא פאַרן רוצחישן אָקופּאַנט.

* * *

פאַרבייגייענדיק על פּי צופאַל פאַר אַ דאָרפישער רויִנע האָט זיך אין די אויגן מיר געוואָרפן אַ פאַרוואַלגערט בוך, צעשמיסן פון ווינט און רעגן. געווען איז דאָס אַ באַנד דיכטונג פון מ. י. לער־

---

*) קלוקווע — אַ מין יאַגדעס צו פּרעגלען פּאָווידלע.

מאָנטאַוו. די טאָוולען, דאָס שער־בלעטל זענען געווען אָפּגעריסן. אָבער די לידער געדרוקטע אויף פיינעם פּאַפּיר האָט מען געקאָנט נאָך לייענען מיט הנאה. געפונען אַזאַ אוצר, האָב איך ווייטער גענו־מען זוכן אין דעם חורבהדיקן אַנוואַלגער און אַנגעטראָפן אויף אַן אַנדערן יקר־המציאות. דאָס איז געווען אַ זעלטענע אויסגאַבע אין אַלבאָם־פאָרמאַט מיט בילדער און אויספירלעכע באַשרייבונגען פון וויכטיקע היסטאָרישע זעענסווירדיקייטן, וואָס די רוסישע אימ־פּעראַטאָרין יעליזאַוועטאַ פּיעטראָוונאַ (1709—1762) האָט געלאָזט אויפשטעלן אין דער נייער זיך בויענדיקער שטאָט פּעטערבורג. אין 18־טן יאָרהונדערט איז אין דער רוסישער בויקונסט געווען שטאַרק אָנגענומען דער ראָקאָקאָ־סטיל. די דאָזיקע אַרכיטעקטאָנישע פאָרם איז אָריגינעל אויפגעקומען אין פראַנקרייך און משפּיע געווען די אַרכיטעקטור פון אַ ריי אַנדערע אייראָפּעישע לענדער. דעם קולט פאַר שיינקייט און מאָדערניזם האָט די יונגע אימפּעראַטאָרין איבער־גענומען פון איר פאָטער, דעם אַליינהערשער פּיאָטר דעם גרויסן. לויט דער רוסישער געשיכטע האָט ער אויסגעהאַקט אַ פענצטער קיין אייראָפּע. דער קנאַפּ־געבילדעטער צאַר־רעפאָרמאַטאָר האָט ברייט צעפּראַלט די גרענעצן פון זיין אימפּעריע פאַר די השפּעות פון דער אייראָפּעישער קולטור. אין זיין צייט האָט דער באַדייטנדי־קער אַרכיטעקט ניקאָלאָס פּינאָ (1684—1754) אַ סך בייגעטראָגן צו דער גראַנדיעזער שיינקייט פון דער הויפּטשטאָט, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען פון גרויסן אימפּעראַטאָר. אַ צווייטער אין יענער צייט באַרימטער אַרכיטעקט באַרטלאָמעאָ ראַסטרעללי, פון רוסישן אָפּשטאַם (1700—1771), האָט געטראָגן די אַחריות פאַר אַ ריי ביז היינט נאָך פּרעכטיקע בנינים, ווי דער סמאָלני־אינסטי־טוט, די טויזנט און פינף צימערדיקע צאַרישע רעזידענץ — דער ווינטער־פּאַלאַץ און אַנדערע פּראָיעקטן אויפגעבויטע אין מאָדער־נעם סטיל פון יענער צייט. אַריינפּלעכטנדיק דאָ דעם יידיש־געשיכט־

לעכן מאָמענט, האָבן די רעפאָרמען פון צאַרישן דעספּאָט נישט פאַרבעסערט דעם מצב פון די יידן אויפן גאַנצן שטח פון דער רוסישער אימפּעריע. נאָך ערגער האָט צו דער יידישער מינדערהייט זיך באַצויגן די פאַנאַטיש־פרומע יעליזאַוועטאַ פּיעטראָוונאַ.

לויט אויטאָריטעטע קונסט־היסטאָריקער האָט דער ראָקאָקאָ־סטיל איבערגענומען געוויסע שטריכן פון אַלטן באַראָק. די לעצטע איז אין 16־טן יאָרהונדערט געווען אַ פּאָפּולערע, אוטיליטאַרע קונסט, וועלכע האָט געפונען איר אויסדרוק נישט בלויז אין דער אַרכיטעקטור, נאָר אויך אין פאַרשידנאַרטיקע אורבאַנישע באַפּוצונ־גען, געמאַכט פון האָלץ אָדער שטיין. דער כאַראַקטער פון אָט דעם מאָדערניזם האָט זיך אויסגעדריקט אויך אין דער שטוביקער אויסשטאַטונג. דער רוסישער באַראָק איז, אַ דאַנק דער היימישער אומגעבונג און אייגנלענדישע בוי־מאַטעריאַלן, געווען אַ פּראָדוקט פון אייגנאַרטיקן, רוסישן געשמאַק.

אין אַלבאָם האָט באַזונדערס זיך גערעדט וועגן דער קינסט־לערישער אויסשטאַטונג פון דער אַמאָליקער צאַרישער זומער־רעזידענץ „צאַרסקאָיע סיעלאָ״. איך בין אויף טשיקאַוועס, ביי דער ערשטער געלעגנהייט, אַוועק זיך טונקען אין לויפּיקן טייך פון רוסישער געשיכטע. אַ ציגלדיק געפלאַסטערט געסל האָט מיך באַרג־אַרויף געפירט צווישן אָפּגעלאָזטע הייזעס. איבער שינדלדיקע דעכער האָט זיך הויך אַרויסגעהויבן דער טורעם פון אַ צערקווע. דאָ האָט דער צאַר געפּראַוועט זיין גאָטעסדינסט. די פאַרשידנ־אַרטיקע געזימסן, קאַרניזן און אָרנאַמענטן, געשניצטע פון האָלץ, זענען געווען שוין צעפוילט פון אַלטקייט און טיילוויז אָפּגעבראָכן. שווער געווען פונאַנדערצושיידן די פיגורינען און סטאַטועטקעס אַרום די קיילעכדיקע טורעמס מיט די שווערע קופּאָלן וואָס האָבן דערמאָנט דעם אַלטן ביזאַנץ. אָן אויפזיכט איז אויך געשטאַנען דעם צאַרס רעזידענץ. איבער דעם פאָרנטיקן געזימס פון דעם

מערקווירדיקן בנין האָבן זיך געוויזן צוויי פרויען־פיגורינען אין מסובינדיקע פּאָזעס. אין דער האַנט פון איינער אַ קראַנץ. די צווייטע האָט מיט צאַרטע פינגער געהאַלטן אַ לאָרבער־צווייגל. פאַר דער געניויער פּינקטלעכקייט פון מיין באַשרייבונג בין איך היינט נישט גרייט צו קאַווירן. אַ בעל זכרון קאָן אַמאָל אויך פאַר־מישן די יוצרות. מיר איז ערשט לעצטנס אויסגעקומען צו זען אַ בילד פון דעם רעסטאַווירטן אויבערשטן טייל פון דעם צאַרישן פּאַליי. איך האָב לאַנג נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון דער פאַרכאַפּנדיקער שיינקייט.

די מורא האָט מיך צוריקגעהאַלטן פון אַריינגיין באַטראַכטן דעם אינעווייניקסטן אויסזען פון אָט דעם אַרכיטעקטאָנישן ווונדער. אַרום האָט מען קיינעם נישט געזען. דאָס האָט נאָך מער מרמז געווען נישט צו שטעלן קיין איבעריקן טראָט. נאָך אַלעמען האָט דער קריג נאָך געפּלאָקערט הינטער פּסקאָוו, אַרום פּופּציק קילאָ־מעטער פון דאַנען. אַפילו אין פרידלעכע צייטן האָט אַן אויסלענדער צוליב נייגער אויך נישט געקאָנט זיך אומעטום פריי באַוועגן.

אַ שייכותדיקע דערמאָנונג:

בעת מיר האָבן אין די ערשטע חדשים זיך צוריקגעצויגן פון בריאַנסקער פראָנט, האָבן מיר פאַרביימאַרשירט אַ כוטאָר אין אַריאָלער געגנט וואָס האָט, מסתם, פאַר דער רעוואָלוציע געהערט צו אַ רייכן ערד־אייגנטימער. דאָס ערשטע האָט אויסנעמלעך זיך געוואָרפן אין די אויגן אַ רויטציגלדיקער קלויסטער, געבויט דווקא אין גאָטישן סטיל מיט הויכע, אַרויפגעשפּיצטע טורעמס. די אויבערשטע געזימסן פון די פענצטער — האַלב־קיילעכדיק אויסגע־בויגן, מיט אַ שאַרפן איינבראָך אין דער מיט. אין די פענצטער־ראַמען — פאַרשידנקאָליריקע, גלעזערנע וויטראַזשן. אַ טייל פון זיי איז געווען שוין צעשפּאָלטן און אַ טייל פון זיי אין גאַנצן אַרויס־געזעצט. אַרום דער צערקווע איז די מויער געווען טיילווייז צע־

שטערט. די איינוווינער האָבן די ציגל אַרויסגעריסן אויף צו נוצן פאַר אייגענעם געברויך.

אַ צערקווע אָדער אַ שול געהערן זיכער נישט צו די וויכ־טיקסטע זאַכן פון אַ נייער זיך בויענדיקער געזעלשאַפט. דאָס אַראָפּ־נעמען דעם אָפיציעלן אויפזיכט איבער די געבעטסהייזער און אַנדע־רע עלעמענטן פון רעליגיעזן קולט האָט ביי מיר אַרויסגערופן צווייפלדיקע נאָכטראַכטענישן. די זעלביקע באַציונג האָט אונטער־געגראָבן דעם רעספּעקט פון פאָלק פאַר קאָלעקטיוו אייגנטום. געוויס האָט דאָ געשפּילט אַ ראָל דער עקאָנאָמישער מאָמענט.

צווישן אַנדערע זעענסווירדיקייטן פון דער יעליזאַוועטישער עפּאָכע איז באַקאַנט די רוטאָנדע, וואָס די טרעגערין פון דער צאַרישער קרוין האָט געלאָזט אויפבויען אין גאַטשינאַ — אַן אַלטע דאַטשעשטאָט וואָס מאַכט דעם איינדרוק פון אַ פּרעכטיקן פּאַרק.

אין אַ פרילינגדיקן אינדערפרי האָט דער בעל דבר איינער אַליין זיך אָוועקגעלאָזט אויף אַן עקסקורסיע. דער חודש מאַי האָט דעמאָלט זיך שוין צוגעשטעלט, ווי ס׳זאָגט זיך אין מאָריס ראָזנפעלדס באַקאַנט ליד: „מיט זיין צויבער, מיט זיין פּראַכט", אָבער די לופט איז נאָך געווען אַ שאַרפע. דער וועג האָט מיר אויסגעוויזן צו זיין נישט וויט. אויף אַ מהלך פון דריי קילאָמעטער ווייט פון שטאָט האָבן זיך שוין אָנגעזען די דעכער פון די הייזער צווישן פרישע צעבליטע ביימער־קרוינען. צוקומענדיק צו אַ קליינעם קיילעכדיקן געבוי האָב איך נישט געגלויבט, אַז דאָס איז טאַקע די רוטאָנדע, וועגן וועלכער עס רעדט זיך אין דערמאָנטן אַלבאָם. די אָפּגעריסענע וויטרינעס האָבן אויסגעזען ווי הוילע פענצטער פון אַ צעהאַקטער לאָמטערן. דער מאָזאַיש געפּלאַסטערטער דיל —פאַרוואַלגערט מיט קופּעס פערדישער צואה און מענטשלעכן אָפּפאַל. אויף די ווענט און אויך אין דער רחבותדיקער געוועלבונג פון סופיט, זענען די מאָלערייען געווען ווי אָפּגעריבן. — ניין! עס איז נישט דאָס! —

האָב איך דערווידערט און געלאָזט זיך ווייטער זוכן. דורכגייענדיק אַ פיילנבויגנדיק אויסגעבויגן בריקל, האָב איך זיך דערנענטערט צו אַ דראָטענער צוים. פאַר אַ ציווילן איז דאָ געווען פאַרבאָטן דורכצוגיין. ווי נאָר איך האָב אומבאַטראַכט אַריבערגעשפּריזט די דראָט־פאַרצוימונג, האָט פון אַ הענגנדיקן שטיק באַן־רעלס זיך אָפּגעריסן אַן אַלאַרמירנדיקער בראַזג. און ווידער איז מיר אַנט־קעגנגעקומען אַ וואַרטאָוניק. צוריקציען זיך איז געווען שוין צו שפּעט. דער רויטאַרמייער האָט מיך געפירט צום קאָמענדאַנט פון דער וואַך. אַ שוואַרץ־באַוואָנסעטער לייטענאַנט האָט אַרויסגענומען פון מיין האַנט צוויי האַרטע טאָוולען צווישן וועלכע עס זענען געלעגן עטלעכע פאַרשריבענע שטיקלעך פּאַפּיר און טאַקע די זעלבע צייטונג „איינִיקייט”, וואָס האָט ביי מיר זיך נאָך געכאָוועט זינט דעמאָלט אין באַגוסלאַווסק. מען האָט דעם מעגלעכן שפּיאָן אָפּגעשיקט מיטן עסקאָרט אין דער מיליטערישער קאָמענדאַנטור. דאָרט האָט מען מיך איינגעזעצט אין אַ קעלערדיקער תפיסה־צעל און דערווייל צונויפגעשטעלט אַ „דיעלאָ”. מילא — האָב איך זיך געטרייסט — אַ תפיסה איז אויך געשאַפן געוואָרן פאַר מענטשן. אָט בין איך אַמאָל אָפּגעזעסן פערצן טעג אין דער היימישער קאָזע און געבליבן לעבן, כאָטש זאָגן זאָגט מען: אַריין איז די טיר ברייט, אַרויס איז זי שמאָל:

דאָס איז געווען בימים ההם, ווען אין די פּוילישע שטעטלעך איז אָנגעגאַנגען דעם מיניסטער סקלאַדקאָווסקיס קורס פון אורבאַ־ניזאַציע. אויפן אָרט פון באַלעבאָס האָט דער פּאָליציאַנט גאָר אונדז פאַרשריבן אַ פּראָטאָקאָל פאַר אומריינקייט אַרום דעם הויז. מיט מיר זענען געזעסן נאָך עטלעכע יידן פון שטאָט. פאַרן אַרויסגייך יעדן אין דער פרי אויף שפּאַציר, האָבן פרומע לייט שוין געהאַט אָפּגעדאַוונט, אַזוי אויך פאַרנאַכט, ווען עס האָט אָנגערוקט די שעה פון מנחה ומעריב. דאָס אומהיימלעכע פאַרקראַטעוועטע פענצטערל,

די האַרטע נאַרע און נאָך מער די שטרענגע אויפזיכט פון דעם לאַמען קאַסטעק, האָבן אָנגעוואָרפן אַ מרה שחורה. נישט אומזיסט האָט די תפילה אויסגעלייזט צו ווערן מעבדות לחרות, אָפּגעקלונגען אין דער קאַמער מיט אַ באַזונדערער כוונה. נאָכמיטאָג האָט דער לאַמער קאַסטעק אָוועקגעלייגט דעם בינט שליסלען אויף אַ „זיכער אָרט", און גענומען זיך שפּילן אין הויף מיט די טויבן. ער האָט פון מאָל צו מאָל אַ הילכיקן פייף געטאָן מיט די וואַרגעס, צופּאַטשנדיק מיט דער רעכטער האַנט אויף דער צעבויגענער דלאָניע פון זיין פּאַראַליטיש אַראָפּהענגענדיקער לינקער האַנט וואָס ער האָט שטענדיק געהאַלטן אָנגעשפּאַרט אויפן גאַרטל. אין יענער האַלבער שעה פון קאַסטעקס זעלבסטפאַרגעסנקייט, האָבן די אַרעסטאַנטן לייכטער אָפּגעאָטעמט.

נעמען פאַר גרינג מיין איצטיקן אַרעסט, וואָלט געמיינט צו זיין לייכטזיניק. געבליבן איז צו האָפן אויף אַ נס, אַז יענער פון וועמען מיין גורל איז איצט אָפּהענגיק, זאָל זיין אַ בעל רחמים. די טיר פון צעל האָט זיך סקריפּענדיק געעפנט. עס האָבן זיך אַריינגעשאַרט צוויי דיסאָניפאָרמירטע סאָלדאַטן, מכלומרשט באַ־שטראָפטע פאַר ברעכן די מיליטערישע דיסציפּלין. זיי האָבן זיך צוזאַמען אָוועקגעלייגט אויף איינער פון די פּריטשעס און גאַנץ לעבעדיק געשמועסט. בינו לבינו האָט מען אין סאָלדאַטסקע קעס־לעך אַריינגעבראַכט פאַר זיי מאָלצייט. דער ריח פון הייסע קאַרטאָפל מיט פליש האָט געבריצט מיין הונגער, געריסן שטיקער פון מיין אינגעווייד. פון דעם וואָס מען טיילט מיר נישט צו קיין עסן, האָב איך געדרונגען, אַז מען וועט מיך דאָ לאַנג נישט האַלטן.

עס איז געוועזן שוין ווייט נאָך מיטאָג. די צוויי „אַרעסטאַנטן" זענען איינגעשלאָפן. זיי האָבן זיך צעכראָפּעט אין הויכע אָקטאַוועס, גלייך זיי וואָלטן געגאַנגען אין געוועט ווער וועמען עס וועט איבער־שטייגן. אַ יונגער אָפיציר איז געקומען מיך אַרויסנעמען פון צעל.

אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ פּאַפּקע, ענלעך צו יענער פּאַפּקע, וואָס איז מיר שוין באַקאַנט געווען פון דעמאָלט, בעת מען האָט אויפן מאָהילעווער שאָסיי אַרויסגעפירט אונטער אַ שטרענגער וואַך אַ גרופּע אַרעסטאַנטן פון ברענענדיקן מינסק. אַ קאַלטער שווייס האָט מיך באַגאָסן. שוין. איצט איז געקומען מיין סוף. קיינער וועט אַפילו נישט וויסן ווו מיין געביין געפינט זיך. — איך דאַרף נאָך היינט צוריקגיין אין דאָרף — האָב איך ביים יונגן אָפיציר געוואָלט זיך עפּעס דערוויסן. יענער האָט אַנטשלאָסן געשוויגן ווי ער וואָלט געפירט אַ פאַרמשפּטן צום טויט.

עס האָט גענומען צייט ביז דער עסקאָרט האָט מיך צוגעשטעלט צום מיליטערישן געריכט. ער האָט עטלעכע מאָל זיך פאַרהאַלטן צו פרעגן ביי פאַרבייגייער דעם וועג, ביז מיר זענען אָנגעקומען אין אַ רחבותדיקן הויף, אַרומגעצוימט מיט אַ געמויערטן פאַרקאַן. די זון האָט זיך שוין געזעצט. אַ ווינט האָט געבלאָזן. דער וואַכמאַן אויף וועמענס אַקסל די ביקס איז ביז איצט נאָכלאָזיק געהאַנגען, האָט גלייך פאַרריגלט די פורטקע און זיך אַוועקגעשטעלט אויף זיין פּאָסטן אין מיליטערישער גרייטקייט. מיין „באַגלייטער" האָט אויף אַ וויַיל געלאָזט מיך אַליין. ער האָט אינעם ווייס געקאַלעכטן הויז מיט גרויסע פענצטער נישט לאַנג זיך געזאַמט. נאָכן איבער־געבן מיך אין פאַרטרוילעכע הענט, האָט ער זיך אומגעקערט אין דער קאָמענדאַנטור. איצט האָב איך מיט שרעקלעכער קלאָרקייט באַנומען מיין גורל ווי ער וויגט זיך אויף דער אַנטשיידנדיקער וואָגשאָל פון לעבן און טויט. דאָס לעבן איז מיר טייער געווען. עס זאָל כאָטש אויסשפּילן ווי ביי יענעם מאָל — האָב איך פיבערנ־דיק געטראַכט:

דאָס איז געווען אין טשעליאַבינסק. די טרודאָוויקעס האָבן לעבן דעם עשאַלאָן דערשנאַפּט אַ פּראַכט־צוג, פול אָנגעלאָדן מיט גרויפּן. די מער פלינקע האָבן שוין געהאַט אָנגענומען אַ ביסל

שפּיז און זענען פאַרשוווּנדן, בעת איך האָב קוים באַוויזן אַרויפֿ־צוקלעטערן אויף אַ פּלאַטפאָרמע. דאָ איז אָנגעלאָפן אַ שומר, אָנגע־טאָן אין אַ ברעזענטענעם כאַלאַט. ער האָט, צילנדיק מיטן נאַגאַן אין מיין קאָפּ, געגעבן אַן איינמאָליקע וואָרענונג: אויב איך וועל נישט גלייך אויסשיטן צוריק די גרויפּן דערשיסט ער מיך אויפן אָרט. דאָס פאַרסאַזשעטע קעסעלע מיט דעם ביסל גרויפּן איז באַלד אַרויסגעפאַלן פון מיינע געליימטע הענט. אַ קורצער פּראָטאָקאָל און שוין האָט מען מיך אַרויסגעפירט פון וואָקזאַל צום משפּט. דער „סודיאַ" — אַ קליין־געוויקסיק פאַרשווינדל אין אַ אָפיצירישן מונדיר, מיט אַן אָנבליק פון אַ היימישן תּלמיד־חכם, האָט זיך באַ־קענט מיט דער „דיעלאָ". ער האָט, לייענענדיק באַוועגט מיטן קאָפּ ווי ער וואָלט זיך אַליין באַדויערט, וואָס אים קומט אויס צו משפּטן מענטשן פאַר אַזעלכע פאַרברעכנס, וואָס אויב זיי זענען אַפילו אין מלחמה־צייט נישט באַרעכטיקט, זענען זיי אָבער רעלאַטיוו פאַר־שטענדלעך. ער האָט געוואָרפן אויף מיר אַ מיטפילנדיקן בליק און מיך געהייסן גיין...

— דאָס מאָל וועל איך שלעכט אָפּשניידן — האָב איך געריסן פון זיך שטיקער און אין איין ציטערניש געוואַרט אויפן מיליטער־געריכט.

דערווייל האָט אויף די טרעפּ פון דעם וויס געקאַלעכטן געמאַך זיך באַוויזן אַ הויכגעשטעלטער מיליטערמאַן. ער האָט פון דער ווייטנס מיך באַטראַכט, דערנאָך האָט ער, דורכגייענדיק דעם הויף, זייטיק אָנגעשפּיזט אויף מיר זיין דורכדרינגענדיק אויג. ווען ער האָט זיך אומגעקערט, האָט מען מיך אַריינגערופן. אַרום אַ רויט געדעקטן טיש זענען געזעסן דריי פּולקאָווניקעס. ווען איך האָב זיך אָנגעזעצט, האָבן צוויי פון זיי זיך אויפגעשטעלט און געלאָזט מיך אַליין מיט דעם הויפּט־ריכטער. דער לעצטער האָט מיך גענומען

אויף אַ קרייץ־פאַרהער, באַהאַגלט מיך מיט פראַגן; פון וואַנען, ווען און ווי אַזוי איך בין אַריבער די סאָוויעטישע גרענעץ, מיט וואָס האָבן מיינע עלטערן זיך באַשעפטיקט, ווי לאַנג איך בין געווען ביי די דייטשן און צום לעצט, דעם נאָמען פון דעם נאַטשאַל־ניק ביי וועמען איך אַרבעט איצט. דער ריכטער האָט בכיוון נאָך אַמאָל איבערגעחזרט עטלעכע פראַגן, ער זאָל אויסגעפינען אַ סתירה אין מיינע ענטפערס. איך האָב אויף אייגענער הויט זיך איבער־צייגט, אַז דער ענוי הדין איז ערגער ווי דער דין אַליין.

דער קריגס־ריכטער האָט דורכגעפירט דעם פאַרהער, אַזוי צו זאָגן, מיט פּסיכאָלאָגישן סדר, ביז ער איז צוגעקומען צום עיקר. זיצנדיק אין צעל, האָב איך, אויס נייגיר, געפרעגט ביי די רויט־אַרמייער פאַרוואָס אין שטאָט געפינען זיך אַזויפיל מאַטראָזן. דאָס האָט שוין געשמעקט מיט שפּיאָנאַזש. איך האָב אַראָפּגעטרייסלט פון זיך דעם מיאוסן חשד מיט דער אויפקלערונג, אַז דאָס איז געווען אַ פראַגע פון פּשוטער פאַרוווּנדערונג און האָט נישט געהאַט צו טאָן מיט פאַרראַט.

נאָכן ענדיקן די חקירה ודרישה, האָט דער אויספאָרש־ריכטער מיך געהייסן אַרויסגיין אין דרויסן. ער האָט זיכער אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג מיט די אַנדערע צוויי, וועלכע האָבן אויף יענער זייט טיר אונטערגעהערט די געריכטס־פאַרהאַנדלונג. מאָדנע. זיי האָבן דאָך אויך געקאָנט זיצן ביים ריכטער־טיש. די פּראָצעדור פון מיין אַרעסט ביזן קומען אין געריכט איז גראָד נישט געווען קיין ברו־טאַלע. עס האָט געקאָנט זיין ערגער... דאָך, האָט דער לאַנגער אינער־לעכער אָנשטרענג מיך אויסגעמאַטערט, אַז מיר איז נמאס געוואָרן דאָס לעבן.

מען האָט מיך ווידער אַריינגערופן. כאָטש דער אורטייל: אומ־שולדיק, איז שוין געווען פעסטגעשטעלט, האָט דער הויפּט־ריכטער נאָך אַלץ געפּרוווט אָנטאָפּן ביי מיר דעם פּסיכאָלאָגישן דופק:

— עד, ווען איך וואָלט געווען אַ שניידער, וואָלט איך נישט געטראָגן אַזאַ צעקנאָדערטע שליאַפּע. כ'וואָלט זיך געמאַכט אַ היטע־לע אַ צאַצקע.

ס'איז דאָ נישט נויטיק געווען צו דערקלערן, אַז אַ שניידער איז נישט קיין היטלמאַכער. כ'האָב בעסער געשוויגן. דער פּולקאָווניק האָט עמיצן פון די רויט־אַרמייער פאַראָרדנט מיר צו ווייזן דעם וועג צוריק אין דאָרף אַריין. ס'איז געווען שוין שפּעט אין אָוונט. איבער דעם גאַנצן אַרום איז געהאָנגען אַ ווייסע אויסגעשטערנטע נאַכט, וואָס איר לויטערע שיינקייט ווערט מיט אַזויפיל שטימונג באַזונגען אין אַ ליד וואָס איך האָב צום ווייפלטן מאָל שוין דורכגעלייענט אין דעם געפונענעם בוך לידער. דער אַפּסאָלוטנדיקער פּעסימיזם וואָס ווייעט פון יענער פּרעכטיקער, לירישער השתפכות, האָט אָבער איצט נישט געהאַט קיין שליטה איבער מיין והחזקת בחיימדיק געמיט. די מלחמה האָט מיט יעדן טאָג זיך דערנענטערט צום סוף. אָנגעזעטיקט מיט אַזויפיל ביטערניש, האָט זיך ערשט געוואָלט דערלעבן בעסערע צייטן.

דורכן גאַנצן טאָג האָט קיינער אין דאָרף זיך נישט נאָכגע־פרעגט, ווו איך בין אַהינגעקומען. אויך נישט מיינע מיטווינער. אַריבערטרעטנדיק די שוועל פון דער מלינה, האָבן אייניקע זיך אויפגעכאַפּט פון ערשטן דרימל. זיי האָבן מיט נייגיר זיך צוגעהערט צו דער מעשה, וואָס האָט היינט מיט מיר זיך פאַרלאָפן. דער אַלטער טאַטאַר אויף ווען דאָס געזעץ פון אַקטיווער דינסט פאַרן לאַנד, איז שוין לאַנג נישט חל געווען, האָט מיין דערציילונג אויפגענומען אָן איבעררעשונג און פאַרשטענדיק געשמייכלט. לויטן שכל פון דעם סמאָליענסקער ייד, אַ לאַנגיאָריקער תפיסהניק, האָט דער קריגס־טריבונאַל זיך איבערצייגט, אַז איך בין אַ „מיעטשטאַטיעל”, אַ טרוימער, און כלפי אַזעלכן ווערן גענומען אין באַטראַכט מיל־דערנדיקע אומשטענדן. דער זעלביקער האָט זיך געהאַלטן פאַר

אַ בקי אין סאָוויעטישן געזעץ. פאַר אים איז פּאַסיק געווען דאָס ווערטל: וואָס טויג מיר מיין פּויליש רעדן, אַז מען לאָזט מיך אין הויף נישט אַריין. דעם פאַרברעכער איז פאַרבאָטן געווען צו וווינען אין דער גרויסשטאָטישער פּעריפעריע. ער האָט יעדן טאָג זיך געריכט מען זאָל אים פון דאַנען אַרויסשיקן. אין אַ שיינעם אינדער־פרי האָט ער טאַקע באַקומען אַ „פאַרנעם־זיך"־צעטל און אויפן דריטן טאָג האָט די געגנטלעכע מיליץ אים פון דאַנען אַרויסגעפּטרט. אָבער ווי באַהאַוונט יענער זאָל נישט זיין אין דער סאָוויעטישער געזעצ־געבונג — איך האָב דעם אורטייל אויפגענומען ווי אַ נס.

בלויז איינער פון מיינע מיטוווינער, אַן אַמאָליקער דעניקיניעץ, האָט זיך נישט שטאַרק געפרייט, וואָס מען האָט מיך אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי. איך האָב אַליין זיך אויסגערעדט: ווי לאַנג דער הונט בייסט נישט, זאָל ער בילן. ווען איך האָב אָבער אַ צייט שפּעטער, זייענדיק אין לענינגראַד, זיך אָפּגעשטעלט אין גאַס לייענען אַן אויפגעקלעפּטן נעקראָלאָג, ווו מען האָט צו וויסן געגעבן וועגן דעם טויט פון דעם יידישן שרייבער שכנא עפּשטיין. איז נעבן מיר געשטאַנען אַ סאָוויעטישער בירגער און אַנטיסעמיטיש געהאַוו־קעט. דאָס האָט מיר ערגער ווייי געטאָן ווי אַ ביס.

קאַפּיטל עלף

עס האָט זיך שוין דערנענטערט דער סוף צו דעם מלחמהדיקן וואַנדרעווען. פון דעם אַרבעטס־באַטאַליאָן איז געבליבן אַ קליינער שריד. אין דאָרף זענען נאָך איינגעשטאַנען געציילטע יידן, ווי דער פאַבריקמאַכער מיט זיין קליינער משפחה, דער בוכהאַלטער פון פּינסק וועמען עס איז אַנגעטרויט געוואָרן די פּראָוויאַנטירונג, און נאָך עטלעכע פּוילישע יידן. די לעצטע האָבן מיט דעם פּאַרוואַלטער פון „לאַראָק" זיך גוט פאַרהאַלטן און געניאָסן פון זיין גוטווילליקייט צו טאָן אַ טובה.

דער לעצטער אָפּשטעל פון אונדזער וויסעו ויחנו האָט געזאָלט זיין לענינגראַד. דורך די אַלע וואָגל־יאָרן האָבן מיר ערשט איצט געפּילט דעם טעם פון פאָרן אין אַ פּאַסאַזשיר־צוג. מען האָט אונדזערע וואַגאָנען איבערגעוועקסלט אויף אַ רעזערוו־ליניע. דאָ האָבן מיר געוואַרט ביז מען וועט באַשטימען פאַר אונדז אַ ווינ־אָרט. דערווייל זענען מיר אויסגעשטיגן און געלאָזט זיך אַוועק אויף אַ שפּאַציר איבער די גאַסן פון דער באַרימטער שטאָט.

לענינגראַד האָט בעת דער באַלאַגערונג פאַרלוירן פיל צענד־ליקער טויזנטער פון איר העלדישער באַפעלקערונג. הגם דער שונא האָט אויך דאָ געזייט חורבן און טויט, דאָך האָט די שטאָט מיט אַלע אירע אורבאַניסטישע חנען בכלל נישט פאַרלוירן איר פריער־דיקן פּרעכטיקן אויסזען. שפּאַנענדיק דורך דער פאַרשטאָט, זענען מיר אָנגעקומען צו אַ רוישיקן באַזאַר. די פריינדלעכע איינוווינער האָבן באַזונדערס נאָך דער לעצטער פּופּצן־חדשימדיקער באַלאַגע־רונג, קוים באַוויזן ערשט זיך צו שטעלן אויף די פיס.

איך האָב זיך אַרומגעדרייט צווישן די געשטעלן ווו מען האָט פאַרקויפט ברויט, געזיסטע טיי, קאַרטאָפל-פּלעצלעך און אַנדערע אַרעמע מאכלים, וועלכע זענען אין שלעכטע צייטן אומעטום אַ סחורה. קיין געלט עפּעס צו קויפן האָב איך נישט געהאַט. בין איך אַרומגע־גאַנגען פאַרשמאַכט, קוקנדיק אויף אַלצדינג מיט הונגעריקע אויגן. דערצו האָב איך איצט מער ווי אַלע מאָל זיך געשעמט וואָס איך גיי אַרום קרוע ובלוע. עס איז אָבער שוין געווען אַ גרונט צו האָפן אויף עפּעס בעסערס. שטייענדיק אַזוי נעבן אַ שטעלעכל, איז פּלוצעם צו מיר צוגעקומען אַ יונגע פרוי — נאַ טיע, דיאַדינקאַ! — האָט זי מיר צוגעוואָרפן עטלעכע געציילטע ווערטער — און מיר דערלאַנגט אַ האַלב לעבל ברויט. איך האָב אַפילו אין יענער נויטבאַדערפטיקער מינוט זיך אַ ווייל צוריקגעהאַלטן אַנצונעמען איר ברייטהאַרציקע מתנה. נאָר דער כוח פון הונגער איז שטאַרקער פון מענטשלעכן שטאָלץ. פון גרויס איבערראַשונג האָב איך נישט באַמערקט ווי די פרוי איז פאַרשוווּנדן צווישן עולם.

* * *

אין לעני[נ]גראַד האָבן מיר זיך איינקוואַרטירט אין איינעם פון די ווייניקער באַשעדיקטע הייזער אויף רעשעטניקאָוואַ־גאַס נ׳ 15. נישט ווייט פון די זאַוואָדן ״עלעקטראָ־סילאַ״. אויב איך האָב נישט קיין טעות זענען דאָס די אַמאָליקע פּוטילאָווער זאַוואָדן, וועלכע פאַרנעמען אַ וויכטיק אָרט אין דער אָקטאָבער־געשיכטע. דער פיר־קאַנטיקער הויף, דאָס סקווערל אין מיטן, האָבן מיך דערמאָנט דעם הויף אין וואַרשע אויף נאַוואָליפּיע, ווו כ׳האָב געוווינט ביי דער מומע. די איצטיקע דירה איז באַשטאַנען פון צוויי צימערן, צו פיר מענטשן אין איינעם. דערווייל האָט זיך ווידער אַנגערוקט דער בייזער, רוסישער ווינטער. ער האָט גאָר פריי זיך צעבאַלעבאַטעוועט אין אונדזער קנאַפּ־באַוואָרנטער דירה. דער זיידע פראָסט האָט געדיכט באַמאָלן די פענצטער־שויבן מיט אויסטערלישע בלעטערנדיקע פלאַנצן און

אויך נישט פאַרגעסן די ווענט. קיין אַנדער ברירה איז נישט געווען. מען זאָל נישט געפּרוווט ווערן צו וואָס מען קאָן געווינט ווערן. פּאַר יענע וועלכע האָבן פאַרנומען די קיך, איז נאָך געווען צו דערליידן. איך האָב נישט געקאָנט מעיז פנים זיין אַריינצוגיין זיך אָנוואַרעמען ביי דער צעגליטער פּליטע, נישט מיטברענגנדיק מיט זיך עטלעכע שייטלעך האָלץ. די אַנדערע פון מיין צימער האָבן יאָ אויסגעפונען פון וואַנען צו ברענגען אַ ביסל הייצוואַרג. האָבן זיי טאַקע זיך אַריבערגעקליבן מיט די בעטלעך צו יענער גרופּע. געבליבן אין דעם אייז־קאַלטן צימער זענען איך און דער אינזשיניער. דער לעצטער האָט כסדר געשוויגן, כאָטש צאָל אים אַ רענדל פּאַר אַ וואָרט. מיך האָט געחידושט, וואָס אַנדערע פון זיינס גלייכן האָבן דעמאָלט זיך שוין איינגעאָרדנט אין בעסערע דירות און געלעבט נאָרמאַל. זיין שטענדיק אָנגעכמורעט פּנים האָט אויסגעדריקט פאַרביטערונג, ווי ער וואָלט בייז געווען אויף דער גאַנצער וועלט. ער האָט אָן איבעררייס געריכערט, געקוקט מיט אויסגעלופּעטע אויגן־ווייסלעכער אין חלל און עקשנותדיק געשוויגן.

אַ געוויינלעכער צופאַל האָט מיך אויף רעשעטניקאָוואַ צונויפגעפירט מיט אַ רוסישער שכנה. אין איר זאָרגפעלטיק איינגעאָרדנטער דירה האָב איך אין די ווינטערדיקע אָוונטן געפונען אַ וואַרעם ווינקל. די האַרעפּאַשניצע מאַריאַ גריגאָריעוונאַ האָט יאָרן־לאַנג געאַרבעט ביי די אויוונס פון לענינגראַדער ציגלזאַוואָד. בעת דער באַלאַגערונג פלעגט זי יעדן פאַרנאַכט אַהיימקומען מיד און צעבראָכן פון דער אַרבעט ביים טאָן די אויסטערלישע רעכט צו די טויטגעפאַלענע פון הונגער און קעלט. איינמאָל האָט זי צווישן אָנגעברענגטע מתים צום קרעמירן, באַמערקט אַ בכבודיק געקליידעטן בר־מינן. — ער האָט געהאַט אַזעלכע איידעלע הענט. — האָט זי געוויזן אויף דער אויבערשטער טייל פון איר דלאָניע. דאָס איז געווען אַן אָנצוהערעניש, אַז דער קרבן איז געווען אַ ייִד.

בטבע איז מאַריאַ גריגאָריעוונאַ געווען אַ גוטע און גאַנץ געמיטלעכע. זי האָט אָבער ווייניק זיך איבערגענומען מיט די בריוו פון איר מאַן, וועלכער איז נאָך דער מלחמה געבליבן שטעקן אין ווייטן מזרח ווו דער שלום איז נאָך געווען באַדראָט פון יאַפּאַן. אַזויפיל רוסישע פרויען האָבן אין דער מלחמה פאַרלוירן זייערע מענער און מאַריאַ איז נישט גליקלעך געווען וואָס איר מאַן איז לעבנגעבליבן. זי ווייסט כאָטש ווו ער געפינט זיך. אויך זייער זינדל איז איבערגעקומען די שווערע צייט אין אוזבעקיסטאַן וווהין מען האָט אים עוואַקוירט. עטלעכע חדשים נאָך דער באַפרייונג האָט מען אים צוזאַמען מיט אַנדערע קינדער אָפּגעשיקט אַהיים. דאָס פאַרבענקטע בחורל האָט, ווייזט אויס, נישט געפונען ביי דער מאַמען די נויטיקע וואַרעמקייט. נאָך צוויי וואָכן אָפּזיין אין שטוב, איז ער פלוצעם נעלם געוואָרן.

געוווינט האָב איך נישט ווייט פונעם צענטער. דער אָמניבוס האָט דורך איזמאַילאָווסקי געפירט ביז ניעווסקי־פּראָספּעקט, די גאַס פון שרייבער און פּאָעטן. פאַרנעמענדיק זיך אויף רעכטס, איז שוין נישט ווייט געווען צו דער היסטאָרישער בריק. דאָ האָבן אין אַ גלייכמעסיקן פירעק זיך אַרויפגעהויבן די באַקאַנטע פערד־סקולפּטורן אין צעפּלאָשעטע פּאָזיציעס. צווישן די דורכגייער האָט ווער־נישט־ווער זיך אָפּגעשטעלט צו וואַרפן אַ בליק אויפן לויפיקן טייך וועלכער שפּיגלט אָפּ אין זיך די פּילפּענצטערדיקע געבייען פון ביידע ברעגעס. פלוצעם האָט אַ כמאַרע פאַרצויגן דעם אויסגעקלאָרטן הימל און פאַרהאַנגען מיט טונקלעניש די ווונדער־לעכע לאַנדשאַפט. דער וויאַדוקט און דער גאַנצער אַרום האָט מיך געמיטלעך באַווירקט, מיך אָנגערעגט מיט פּאָעטישער שטימונג.

לענגאויס די ריזיקע הייזער האָבן אויף ביידע זייטן פון דעם ברייטן פּראָספּעקט זיך געצויגן רושטאָוואַניעס. די אַרבעט איז דאָ אָנגעגאַנגען מיט באַזונדערער חריצות. מען האָט רעמאָנטירט די

הייזער־פּאַסאַדן און זיי פּריש באַמאָלן אין די זעלביקע קאָלירן פון פריער, ווי הימל־בלוי, העל־גרין, אָראַנזש און פיאָלעט, מיט דער כוונה נישט אַוועקצונעמען פון די היסטאָרישע געבייען דעם אַלטן יעליזאַוויעטישן קאָלאָריט.

שפּאַנענדיק איבער לענינגראַדער גאַסן און בולוואַרן, באַקומט מען דעם איינדרוק ווי פאַר די אויגן וואָלטן זיך פאַרבייגעוויקלט שטיקער רוסישע געשיכטע. געשפּייזט האָב איך זיך מיט דער נאָדל. בייטאָג געאַרבעט אין אַרטעל און אין אָוונט פון צייט צו צייט אַריינגעכאַפּט אַ זייטיק פאַרדינסטל. איינמאָל קומט אין דער מאַסטערסקאַיאַ אַריין אַ יונגע רוסישע פרוי. כמעט אַלע פון דער אונטערנעמונג האָבן זי געקענט. זי האָט דרייסט אָבער גאַנץ איידל זיך צוגעזעצט נעבן מיר. זי נעמט אַרויס אַן אַלט־אָפּגענוצטן מענערשן פּאַלטאָ און בעט מיך איך זאָל איר ווייזן ווי אַזוי פונאַנדערצונעמען די נעט. זי וויל אים איבערניצעווען אויף אַ דאַמען־מאַנטל פאַר זיך. געמיינט האָט זי אַפנים איך זאָל איר „העלפן" אים אויפנייען. דער מלבוש איז געווען געמאַכט פון אַמאָליקן גוטן, רוסישן שטאָף. ער האָט נאָך איינגעהאַלטן די קאָליר. נאָר איין צרה; דאָס אַלטוואַרג איז טיילווייז געווען צעפרעסן פון מילבן. איך האָב געדולדיק פאַרצערעוועט די לעכער און איר „אויסגעלאַדעוועט" אַ מאַנטל צום טראָגן.

די שניידערשע אָוונטן ביי סאָפיע אַוואַראָוואַ זענען געווען אָנגענעם און ליב. מיט איר נאָבעלער האַלטונג און באַנעם האָט זי דערוועקט צו זיך רעספּעקט. זינט מען האָט איר מאַן פאַרשיקט אויף צוועלף יאָר אין די ווייט־ווייטע געגנטן פון רוסלאַנד, האָט זי נישט אויפגעגעבן די האָפענונג אים נאָך צו זען. פון איר קליינעם פאַרדינסט האָט זי יעדן חודש אָפּגעשפּאָרט עטלעכע רובל אויף צו שיקן אים אַמאָל אַ פּעקל שפּייז. אַרויסגעהאָלפן האָבן איר

די עלטערן וועלכע האָבן אין דאָרף זיך פאַרנומען מיט איר קינדס דערציונג.

אַ סך שעהן האָב איך פאַרברענגט אין דער גרויסער, לעניג־גראַדער ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון סאַלטיקאָוו־שטשעדרין. ביי מיר איז גאָר שטאַרק געווען דער דראַנג אָנצויאָגן דעם סכום וויסן, וואָס איך האָב פאַרלוירן דורך די יאָרן פון וואָגל־און־וואַנדער. דורכגייענדיק מיט אויפגעריסענע אויגן די נעמען פון פיל שרייבער און ווערק, האָב איך מיט באַדויער ערשט איינגעזען, ווי הינטער־שטעליק איך בין אין געביט פון ליטעראַטור. אויך אין די אונטער־שטע זאַלן זענען געזעסן אינטערעסאַנטן, גריבלענדיק זיך אין אַלטע פאָליאַנטן.

פול פרייד און עסטעטישן פאַרגעניגן האָבן מיר פאַרשאַפן די מוזיקאַלישע אויפפירונגען אין מאַרינסקי אָפּערע־הויז. סצענישע קונסט און דערהויבנדיקע מוזיק האָבן דאָ האַרמאָניש זיך צונויפגע־גאָסן. דער עמאָציאָנעלער כוח פון נגינה איז שטאַרקער פון ליטעראַטור. דורך פאַרשידנגעמיטלעכע קלאַנגען און טאָנאַציעס דריקט אויס דער מענטשלעכער זשעני זיינע געפילן טיפער ווי מיט ווערטער. באַזונדערס געפינט דער רוסישער מעלאָס זיין פולן מוזיקאַלישן אויסדרוק אין די נאַציאָנאַלע אָפּערעס ווי „איוואַן סוסאַנין״, „קניאַז איגאָר״, „באָריס גאָדונאָוו״, „יעווגעני אָניעגין״ און אַנד. די פּרעכטיקע אויסשטאַטונג אין זאַל, די קרישטאָל־צעלויכטענע זשיראַנדאָלן, די זיצערטער אין גאַנצן באַצויגן מיט רויטן געוואַנט, די בנעימותדיקע האַלטונג פון פובליקום און איבער אַלץ, די פּרעכטיקע פאַרשטעלונג, ברענגען דיך אַריין אין אויסער־

זיכיקער דערהויבונג. בעתן אַנטראַקט הויבט אַ טייל פון די צוקוקער זיך אויף פון די ערטער אַרויסצוגיין אין פאָיע. אַרום דער פּאַנטאַן־סטאַטוע פאַרמירט זיך אַ מין שפּאַצירנדיקע פּראָצעסיע. יעדער איז געקליידט אינעם שענסטן און בעסטן וואָס ער פאַרמאָגט.

* * *

אין וועלכע וועלט־שטעט איך זאָל שוין נישט האָבן אויסגעווען, האָב איך אין ערגעץ נישט געזען אַזויפיל טעאַטער ווי אין לענינגראַד. שוישפּיל איז אַ וויכטיקער צווייג פון דעם אַלגעמיין קינסטלערישן שאַפן. דער ערנסטער רוסישער קולטור־מענטש שאַצט געהעריק אָפּ דעם דערציערישן ווערט פון סצענישער קונסט. ער האָט פאַר איר אַ באַדערפטיקן אינטערעס. וועגן דעם זאָגט עדות דאָס אָפטע באַזוכן טעאַטער. צום רעפּערטואַר פון לענינגראַ־דער אַקאַדעמישן טעאַטער האָבן דעמאָלט געהערט אָסטראָווסקיס „צרות פון שכל", טאָלסטאָיס „תחית המתים", טשעכאָווס „קאַרשן־סאַד", גאָרקיס „אויפן דנאָ", לאַווערעניעווס „דער 41־טער" און אַנדערע דראַמעס. דאָס שפּילן פון די אַקטיאָרן איז געווען, ווי מען זאָגט, געווויגן און געמאָסטן. יעדער קער און ווענד אויף די בינע־ברעטער איז געווען קינסטלעריש באַרעכטיקט. דער עיקר־עלעמענט פון סצענישער קונסט איז דאָ געווען די עכטע אינערלעכע איבער־לעבונג, ווי עס האָט געלערנט דער גרויסער בינע־מייסטער ק. סטאַניסלאַווסקי.

זיין אין לענינגראַד און נישט באַזוכן דעם ערמיטאַזש? דאָס וואָלט איך קיינמאָל זיך נישט מוחל געווען. מען האָט דעמאָלט ערשט געהאַלטן אין אויסשטעלן צוריק דעם גרעסטן טייל פון די קונסט־אוצרות וואָס מען האָט באַוויזן אַרויסצופירן איידער דער שונא האָט באַלאַגערט די שטאָט. פון דעסטוועגן האָבן אין די רחבותדיקע זאַלן מיט די ריזיקע פּאַנאָראַמע־פענצטער זיך נאָך

געפונען געגוג עקספּאַנאַטן פון היסטאָריש־קינסטלערישן ווערט. די פענצטער־שויבן האָבן אָפּגעשפּיגלט אין זיך די קאָלירן פון סעלעדין, אָראַנזש און בלוי אין לייכטער שאַטירונג. סטודענטן און אויך מיטליעריקע בירגער האָבן גרופּעסווייז דאָ אַהערגעצויגן צו זעטיקן דאָס אויג מיט ווונדערלעכע קונסט־שיינקייטן. איך האָב זיך צוגעלאָנטשעט צו אַ גרופּע עקסקורסאַנטן און אויפגעכאַפּט ידיעות וועגן וויכטיקע געמעלן — אין וועלכער עפּאָכע און פון וועמען געשאַפן. די פאַרלעסלעכע אויפקלערונגען פון דעם גייד האָבן געוויזן, אַז ער איז גוט באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון דער איראָפּעאישער, ווי מיט דער געשיכטע פון דער אַנטיקער קונסט.

נאָר איידער מיר פאַרפאָרן ווייטער, לאָמיר זיך אומקערן צו די ערשטע טעג פון אונדזער אָנקומען קיין לענינגראַד. אין איינעם אַ טיפהאַרבסטיקן אינדערפרי, די פענצטער־שויבן זענען נאָכנישט געווען פאַרקאָוועט מיט פראָסט, האָב איך, אויפשטייענדיק פון געלעגער, כדרך הטבע, אַרויסגעבליקט צום דרויסן. אין אַקעגנ־איבערדיקן הויף איז נעבן אַ וואַסער־פּלומפּ געשטאַנען אַ כאַפּטע מאַנסלייט, טייל פון זיי נאַקעט ביזן גאַרטל און זיך געוואַשן. דאָס זענען געווען נאַצישע קריגס־געפאַנגענע. געהיט האָט זיי, הערט, אַ באַוואָפנטע פרויען־וואַך. די וועלט האָט שוין דעמאָלט פּרטימדיק געוווּסט וועגן די מעשים תעתועים פון די היטלעריסטישע חיות רעות. די רויטע אַרמיי האָט זיי אַרויסגעשטויסן פון די אָקופּירטע געביטן, אויסגעליידיקט פון יידן, און טיילווייז פון דער אַלגעמיינער ציווילער באַפעלקערונג. איך בין איצט געשטאַנען פנים אל פנים מיט די מערדער פון מיין פאָלק. פאַר די סוואַסטיקאַ־העלדן איז דער דאָזיקער „געפאַנגענלאַגער” געווען ווי אַן אָפּרוהויז. מיט דעם האָט די סאָוויעטן־מאַכט געוויזן דער וועלט, ווי הומאַניטאַר זי באַהאַנדלט די קריגסגעפאַנגענע. מעגלעך, אַז די כוונה איז געווען אויסצונוצן זייערע פּראָפעסיעס פאַר דער סאָוויעטישער אינדוסטריע.

אַז מען דאַרף דעם גנב, שטעלט מען אין אַ זייט, אפילו דעם יושר. אָבער דאָס ברענענדיקע געפיל פון נקמה האָט נישט געוואָלט וויסן פון קיין הומאַניטאַרע געזעצן און זאַכלעכע חשבונות. יענע וועלכע זענען דורכגעגאַנגען אַלע פייערן פון היטלעריסטישן גיהנום, זענען באַשטאַנען צו קוויטירן דעם חשבון מיט די דייטשישע מערדער לויט דעם רעפּטפּאַרטיקן געבאָט: עין תחת עין.

* * *

פון די פראָנטן זענען אָנגעקומען נייע ידיעות, אַז די רויטע אַרמיי גייט כסדר פאָרויס. אָט איז לובלין שוין געוואָרן באַפרייט. דאָרט האָט זיך געשאַפן די צייטווייליקע פוילישע רעגירונג. די סאָוויעטישע באַוואָפנטע כוחות זענען מיט דער הילף פון די אַליאירטע אַריין קיין בערלין. דער שונא איז געוואָרן באַזיגט. דאָס פאָלק האָט געיובלט. מען האָט געטאַנצט אין די גאַסן. די פרייד איז אָבער געווען געמישט מיט טרויער איבער די פאַרשניטענע קרבנות. ווי עס זאָל נישט זיין, האָט מען איצט שוין געקאָנט טראַכטן וועגן פאַרבינדן זיך מיט דער היים. עס זענען פאַרביי פיר וואָכן ווי איך האָב צוריקבאַקומען איינעם פון מיינע אַוועקגעשריבענע בריוו מיט אַ קורצבינדיקן צושריפט וואָס האָט גאָרנישט אָנגעזאָגט קיין גוטס. דער דאָזיקער צושריפט האָט ווי באַשטעטיקט די תשובה, וואָס איך האָב נישט לאַנג צוריק געהאַט באַקומען פון „פאַרבאַנד פון פוילישע פּאַטריאָטן” אין מאָסקווע. דאָרט האָט זיך געזאָגט: אין דער רשימה פון די לעבנגעבליבענע יידן אין פוילן איז קיינער מיט אַזאַ נאָמען נישט פאַרצייכנט. אונטערגעשריבן — אידאַ קאַמינסקאַ. וואָס האָב איך מער געקאָנט טאָן ווי באַגיסן זיך מיט טרערן? איך האָב נאָך געדענקט זייער לעצטן בריוו. זיי האָבן נישט געהאַט קיין מוט אַליין זיך אַרויסצורייסן פון לייבנגרוב. און איך האָב נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיי צו העלפן.

קאַפּיטל צוועלף

די גאַנצע וועלט, זאָגט מען, איז איין שטאָט. דאָס האָט זיך באַשטעטיקט ווען איך האָב, שפּאַצירנדיק איבערן ניעווסקי־פּראָספּעקט אין לענינגראַד, אומגעריכט באַגעגנט אַ סטודענטין פון דער מאָסקווער יידישער טעאַטער־שול. בעת די דייטשן זענען שוין געשטאַנען נישט ווייט פון מאָסקווע, האָט זי נאָך באַוויזן אַהיימצופאָרן צו אירע עלטערן קיין לענינגראַד פון וואַנען זיי האָבן צוזאַמען זיך עוואַקויִרט קיין אוראַל. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין דעם זעלבן עיר מקלט — קאַרפּינסק ווו זי האָט מיט אַ לענינגראַדער טרופּע געשפּילט רוסיש טעאַטער. איך האָב באַדויערט וואָס איך האָב נישט געוווּסט, אַז זי געפינט זיך דאָרט. ווען מיר האָבן זיך שוין אָפּגעקילט פון דער איבערראַשונג, פרעגט זי מיך, בינו לבינו, צי איך האָב אין פּוילן געהערט וועגן הרב קעסטנבערג. איבערנעמענדיק זיך מיט גרויסן ייחוס, דערציילט זי מיר, אַז אין זייער הויז שטייט איין דעם דערמאָנטן רבס אַ זון.

מיט הרב קעסטנבערג האָט אַמאָל אין פּוילן זיך גערודערט אַ וועלט... געווען אַ צייט ווען די גרויסע ראַדעמער קהילה האָט דעם אומגעוווּנטשענעם מרא דאתרא אָפּגעזאָגט פון דער כסא הרבנות, אויף וועלכער ער האָט זיך געהאַלטן מיטן כוח פון מלכות. פאַר אַט דער טובה האָט דער רב באַמיט זיך אָפּצודינען דעם פּריץ כפל כפלים. בעת די וואַלן צום פּוילישן סיים, האָט ער אַגיטירט פאַר דער ליסטע פון די פּולקאָווניקעס, וועלכע זענען דעמאָלט געשטאַנען ביי דער מאַכט. אַזוי אַרום האָט הרב קעסטנבערג זיך איינגעשאַפן „אָפיציעלן אויטאָריטעט“ און אָנגעהאַלטן זיין שטעלע מיט תקיפות.

איך האָב לאַנג זיך נישט געלאָזט בעטן און צו מאָרגנס אָפּגעשטאַט דעם מיידל אַ וויזיט. לויט ווי פּאַר אַ משפּחה זאַלבעפערט מיט אַ פינפטן אַ צולאַג, האָבן זיי פאַרנומען אַ גאַר ברייווחדיקע דירה. די שטוביקע היימלעכקייט האָט ביים עלנטן נע ונדניק אַרויסגערופן דעם געפיל פון קנאה. די עקרת הבית האָט מיט אַ צעשיינט פּנים זיך געפּאָרעט אַרום דער קיך. עס איז קענטיק געווען, אַז מען האָט דאָ נישט געפילט קיין נויט. דער ראש פון דער משפּחה — אַ נידעריק געפּאַקט יידל, האָט געבראַכט אין שטוב אַריין פון כל טוב. פון דעם לעצטן צימער האָבן זיך געהערט יוגנטלעכע קולות. דורך דער אָפענער טיר האָב איך באַמערקט אַ הויכן, יונגן פאַרשוין ווי ער פּאַדעט אַרום דער אַקטריסעס ייִנגערער שוועסטער. די מאַמע האָט אוודאי זיך געבענטשט וואָס איר איז באַשערט אַזאַ נחת, אָבער דער בחור האָט זיך ווייט נישט באַנומען ווי אַ בן הרב. ער האָט מיט פוסטן לייכטזין פון אַ שמענדריק, ריטמיש געשאַרט מיט די פיס אויפן גלאַטיקן פּאַרקעט, אונטער־זינגענדיק צום טאַקט אַן אויסגעוועפּטן פּוילישן טאַנגאָ. ער האָט נישט באַוויליקט זיך אומצוקוקן אויף דעם פּליט, וועלכער קומט אויך אַרויס פון דער זעלבער גובערניע וואָס ער... גראָד איז דאָ אַרויפגעקומען דער אַקטריסעס אַ קוזינע מיט וועמען איך האָב זיך באַקענט. אַדאַנק דער לעצטער האָב איך ווידער געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט אַ יידישן ייחוסדיקן פּראָפעסאָר, אַן אָפּצווייג פון אַ ייחוסדיקער משפּחה אין מינסק. ער האָט ערשט געהאַט זיך אומגעקערט מיט זיין משפּחה פון דער עוואַקואַציע. באַגלייך מיט זיין פּראָפעסאָרישער שטעלע האָט ער צוריק באַקומען זיין פריערדיקע דירה. די שטוב איז געווען אָנגעהויפט מיט נאָך נישט אויפגעפּאַקטע באַגאַזשן, ביכער, זשורנאַלן, אַ פּיאַנאָ, באַצויגן מיט אַ געדיכטן שיכט שטויב. אויפן דיל האָבן זיך געוואַלגערט צעשאָטענע מוזיק־בלעטלעך מיט טעקסטן פון יידישע פאָלקס־

לידער. די נאָטן־בלעטלעך זענען געווען אַרויסגעריסן פון אַן אַלטער זאַמלונג, וואָס די אַמאָליקע געזעלשאַפט פאַר יידישער פאָלקס־מוזיק אין פעטערבורג האָט אַרויסגעגעבן. מיט יידישער פאָלקס־מוזיק האָט זיך פאַרנומען דעם פּראָפעסאָרס פרוי. איצט זענען איר געלעגן אין זינען גאָר אַנדערע זאָרגן. אין ברייטערע שמועסן האָט דער פּראָפעסאָר פאַרשטייט זיך נישט געלאָזט זיך אַריינציען. פון זיינע געציילטע ווערטער, האָב איך, פון דעסטוועגן באַקומען אַ באַגריף, וואָס ער טראַכט און פילט ווי אַ ייד.

* * *

יאָ, אַ גרויסער טאָג גייט אויך אַוועק. עס איז געקומען די לאַנג דערוואַרטע שעה. די פּוילישע פּליטים האָבן איצט געקאָנט שוין טראַכטן וועגן אומקערן זיך אַהיים. לויט אַ מלוכהשער פאַר־אָרדענונג האָבן אין פיל רוסלענדישע יישובים זיך איינגעשטעלט רעפּאַטריאַציע־פונקטן. די „ביעזשענצעס" האָבן געדאַרפט דורכגיין געוויסע פאָרמאַליטעטן, דערנאָך באַקומען אַ ספּראַווקע מיט אַן אָנווייז אין וועלכן טאָג און פון וועלכער סטאַנציע דער עשאַלאָן וועט אָפּגיין קיין פּוילן. די פאַרשטייערין פון דער לענינגראַדער רעפּאַטריאַציע־ביוראָ, אַ שיינע, אָנציענדיקע פרוי, האָט ביים דורכ־פירן אירע פליכטן זיך געהאַלטן שטרענג אָן אַ מינדסטן שמייכל. זי האָט מיט פאַראַנטווארטלעכקייט... איך וואָלט געזאָגט, איינגעוואָרצלטן אומצוטרוי נאָכגעקוקט יעדנס אויסגעפילטע פּאַפּירן מיט דער אָנ־געקלעפּטער פאָטאָגראַפיע, נישט אויסריידנדיק קיין איבעריק וואָרט.

אין לענינגראַד האָבן זיך אָנגעקליבן אָנזעעוודיקע צאָלן פּליטים פון די שכנותדיקע לענדער אַרום דעם סאָוויעטן־פאַרבאַנד. ווען עס איז געקומען דער טאָג פון אָפּפאָר, האָבן צום פּילוואַגאָ־נענדיקן צוג זיך צוגעשטעלט הונדערטער פּאָליאַקן, יידן, און ליטווינער. אַלע האָבן צוריק אָנגענומען די בירגערשאַפט פון זייער אייגן לאַנד. טייל פון זיי האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען אין גרופּעס.

נאָר איך, ווי עס איז פון תמיד מיר באַשערט, בין איצט אויך געווען אַליין. אפשר איז דאָס מיין אייגענער חסרון. מיר קומט שווער אָן זיך צו פאַרקאָכן מיט וועמען אין פריינדשאַפט דורך אַ קורצער צייט.

די באַגעגעניש מיט דעם בחור פון לאַגיעוו — אַ שטעטל נישט ווייט פון אַפּט — האָט מיר נישט צוגעשפּילט, ווי איך האָב געוואָלט, איך זאָל מיט אים צוזאַמען שוין דערפירן דעם מלחמהדיקן וואַנדער־מאַרש צו אַן ענד... די אומגעריכטע טרעפונג האָט מיך אָבער שטאַרק גערירט און ביי מיר אַרויסגערופן היימישע זכרונות; יעדן טאָג אין וואָך פלעגן טאַנדעטניקעס, אָרעמע קרעמער אַרויס־פאָרן קאַיאָר אין אַ אַנדער געגנטיק שטעטל צום יאַריד. מאָנטיק — קיין איוואַנסק, דינסטיק — קיין צויזמער, מיטוואָך איז מען געבליבן אויפן אַפּטער יאַריד, און דאָנערשטיק — קיין לאַגיעוו. פרייטיק זענען טאַנדעטניקעס געבליבן אין דער היים, געגרייט זיך צום עונג שבת און געזאַמלט פרישע כחות פאַר דעם קומענדיקן וואָכן־געיעג נאָך פרנסה. געפירט אויף די יאַרידן האָט זיי „שימאָ מיטן פערדל״. יעדעס מאָל פלעגט די אויסגעהונגערטע שקאַפּע זיך איינעקשנען אין מיטן וועג, אַז עס איז שווער געווען מיט הונדערט בייטשן זי צו רירן פון אָרט. נאָך אַזאַ קלאָגעדיקער „יאַזדע״, איז מען, ווי דער שטייגער, געקומען שפּעט אויפן מאַרק. די געשטעלן אויסצולייגן די סחורות זענען שוין געווען פאַרכאַפּט דורך אַנדערע באַצייטנס אָנגעקומענע יאַריד־לייט. די גאַס איז פול געוואָרן מיט געשרייען און קריגעריי. מען האָט זיך געזידלט, גערופן מיט באַליידיקנדיקע נעמען, אויפרופנדיק צו עליה אַפילו דעם עלטער־זיידן פון קבר...

דער לאַגיעווער פעלדשער איז געווען אונדזערס אַ קרוב. ער האָט געהאַט זיין אייגנס פיר שיין אויפגעוואַקסענע טעכטער. פאַר דער לינקער אָרגאַניזאַציע אין שטעטל האָט מיין פאָרן צו זיי אויף

באַזוך געקאָנט דינען פאַר אַן אויסרייד מיך צו שיקן אין קאָנספּי־ראַטיוועד שליחות. דער פּלאַן איז געווען, איך זאָל אין אָוונט מיט דער ערשטער געלעגנהייט שאַ־שטיל צוריקקומען אַהיים, גלייך עס וואָלט גאָרנישט געשען. עס איז אָבער אַזוי אויסגעפאַלן, אַז איך האָב געמוזט אין לאַגיעוו איבערנעכטיקן. שפּעט ביינאַכט האָט די מאַמע זיך וועקנדיק פון שלאָף, אַ בליק געטאָן צו מיין געלעגער און זיך געוווּנדערט וואָס „דער יונג איז נאָך נישט דאָ". זי האָט מער נישט געקאָנט איינשלאָפן. גראָד איז מיין טאַטע דעמאָלט געווען אויף זיין „לוסט־רייזע" אין דער היים. זיי זענען ביידע אויפגעשטאַנען פון בעט און אין דער שפּעטנאַכטיקער פינצטערניש געלאָזט זיך איבערן שטעטל קלאַפּן אין באַקאַנטע טירן. גוט וואָס מיינע פאַר־דעכטיקטע חברים זענען בלויז אָפּגעקומען מיט שרעק, מיינענדיק, אַז פּאָליציי איז נאָך זיי געקומען. איינער האָט מיט אַ האַלב מויל אויסגעגעבן דעם סוד ווו איך געפין זיך. ערשט דעמאָלט האָבן מיינע עלטערן, קוים באַרויִקטע, זיך אומגעקערט אין שטוב.

מיין טאַטע איז נישט געווען קיין פאַנאַטיקער. ער האָט פאַר־שטאַנען, אַז די וועלט שטייט נישט אויף קיין אָרט. דער מענטש ענדערט זיך אויך. דאָך האָט ער ווי אַן אַלטפרענקישער געיאַדעט די מאַמע וואָס איך בין אַזאַ „אומלייט". דערביי האָט ער אָנגעוויזן אויף שכנותדיקע קינדער פון רייכע היימען וועלכע זענען לייטישער פון מיר... מיך האָט אָבער מער געאַרט וואָס חברים האָבן דורך פאַרשידענע אָנצוהערענישן געלאַכט פון דעם קאָנספּיראַטאָר, וואָס טויג אויף קלאַג...

* * *

פאַר מיין פרישה מיט לענינגראַד, האָב איך באַשלאָסן זיך אַריבערצוכאַפּן אויף אַ טאָג צוויי קיין מאָסקווע, די שטאָט פון מיינע ליטעראַרישע טרוימען. איך בין געווען אין דער בחינה פון אַ געטראָפּענעם, וועלכער האָט פון לאַנג שוין פאַרלוירן אַזוינס

וואָס איז אים נאָענט געווען צום האַרצן און קומט נאָך אַלץ אויף דעם זעלבן אָרט זוכן די פאַרפאַלענע אבידה.

דאָס פאָרן קיין מאָסקווע איז מיר נישט אָנגעקומען גרינג. קיין איבעריקע מזומנים אויף רייזע־הוצאות האָב איך נישט געהאַט. שנית, האָב איך פיל מאָל געדאַרפט זיך ווענדן צום נאַטשאַלניק פון דער אונטערנעמונג מיט דער בקשה, ער זאָל הייסן מיר אַרויס־געבן אַ קאָמאַנדיראָווקע, וואָס אָן אַזאַ קאָן מען זיך אין סאָוויעט־רוס־לאַנד אין ערגעץ נישט אַרויסרירן. תחילת האָב איך זיין עקשנות אויפגענומען ווי אַ זאַך פון פּרינציפּ. מעגלעך, אַז ער האָט אויף זיין אונ־טערנעמונג נישט געוואָלט צעטרענצלען די אַרבעטס־כוחות. שפּעטער האָב איך דערשנאַפּט, אַז אין זיין פאַרעקשנטקייט ליגט אַ פאַרבאָרגענע שנאה צום ייד. איך בין אָבער פון אים נישט אָפּגעטראָטן און סוף כל סוף אַזאַ צעטל באַקומען.

קאַפּיטל דרייצן

איך האָט געהאַט בדעה אין מאָסקווע בלויז איבערצונעכטיקן צוויי נעכט און אויפן דריטן טאָג זיך אומצוקערן קיין לענינגראַד ווו איך בין צוגעשריבן... איך האָב תיכף אָפּגעפונען דעם פאַרגע־דענקטן אַדרעס פון ליזאַ איסאַקאָוונאַ, די עלטערע שוועסטער פון יענער פרוי, וועלכע האָט ביי מיין ערשטן אָנקומען קיין אָרשע ממש פאַר מיר זיך מקריב געווען העלפנדיק מיר מיט דעם נויטיקסטן. ווי נאָר זי האָט מיך דערזען, האָט זי אויסגעבראָכן מיט אַ ביטער געוויין, גלייך זי וואָלט איצט באַגעגנט אַ נאָענטן פריינד פאַר וועמען אויסצוקלאָגן איר ביטער האַרץ. ליזאַ איסאַקאָוונאַ איז גראָד ערשט צוריקגעקומען פון אַ קורצן באַזוך אין איר געבוירן־שטאָט, ווו זי האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם גרויסן אומגליק וואָס האָט געטראָפן מיט איר משפחה. בעת די דייטשישע בלוט־הינט זענען אַריין קיין אָרשע, האָבן אַלע אירע אייגענע, צוזאַמען זיבעצן נפשות, זיך אַריבערגעקליבן צום טאַטן אין דאָרף אַריין. דאָרט האָבן די רוצחים זיי געצוווּנגען צו גראָבן פאַר זיך אַ קבר און זיי אַלע אויסגעשאָסן. טאָמער איז דאָס ווייניק געווען, האָט מען פאַר אַ צושמעלץ צו אירע צרות, איינגעזעצט איר מאַן אין תפיסה. ער איז זינט יאָרן געווען אַ מעקלער פון באַן־בילעטן. ווי לאַנג דער עסק איז געגאַנגען, האָט מען ווייניקער געטראַכט וועגן דער ערנסטקייט פון דעם פאַרברעך. איצט האָט אים געדראָט אַ גרויסע שטראָף. די פרוי איז אומגעגאַנגען ווי אָן אַ קאָפּ. אירע הענט האָבן זיך נישט געהויבן צו דער שטוב־באַלעבאַטישקייט. נאָכמער איז זי נישט געווען אויפגעלייגט צו קיין געסט. דאָך, וועגן אַן אָרט ווו

צו שלאָפן איז נישט געווען קיין זאָרג. זי האָט מיר בלויז אָנגעזאָגט נישט צו קומען שפּעט.

איך בין אַראָפּ אויף גאָרקי־גאַס. זי ציט זיך פון מינסקער וואָקזאַל ביזן רויטן פּלאַץ. אַ סך וויכטיקע געבייען זענען מיר דאָ געווען באַקאַנט. אָט איז דאָס אַקטיאָרן־הויז. ווייטער דער יעליסייעוו־מאַגאַזין. נאָך ווייטער שיינט פון קעגנאיבער אַרויס דער רויט־געפאַרבטער בנין פון גאָרסאָוויעט. פון דאַנען האָב איך בנשימה אחת זיך אַראָפּגעלאָזט אויף סטאָלעשניקאָווע, עלעהיי עס וואָלט אין דער טעאַטער־סטודיע מיך דערוואַרט עפּיס איבערראַשנדיקס. די שול האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אָפּגעלאָזענעם פּאַליש. אָפּגעכוימערטע ווענט. צעשעדיקטע מעבלשטיקער. די ביבליאָטעק פאַרנאַכלעסיקט. איך האָב נאָך דאָ געטראָפן עטלעכע באַקאַנטע פּנימער. די באַברילטע אַדמיניסטראַטאָרין וועלכע איז אַלע מאָל געווען פאַרוואָרפן מיט אַרבעט, האָט איצט ווייניקער זיך אַרומגעפּאָרעט. פון קאָנצעלאַריע איז צופעליק אַרויסגעקומען דער דירעקטאָר פּראָפ. מ. ביעלענקי. ער האָט מיר געשטעקט אַ פריינדלעכן שלום עליכם און פאַר יוצא וועגן געגעבן אויף מיינע אָנפראַגן באַשרענקטע ענטפערס, ווי ער וואָלט געטראַכט: וואָס ווייניקער איז געזינטער. דער יונגער פּראָפעסאָר איז פאַרן קריג שוין געווען אָנגעזען אין דער יידישער און אַלגעמיינער קולטור־סביבה אין מאָסקווע מיט זיין פילגעלערנטקייט און חכמה. זיין בוך וועגן ב. שפּינאָזאַ, דערשינען אין יידיש, איז צוליב אַן אומבאַקאַנטער סיבה נישט דערגאַנגען צו דער ברייטער לייענערשאַפט.

אין דער טעאַטער־שול האָב איך זיך דערוווּסט וועגן דעם טראַגישן גורל פון אייניקע סטודיאַנטן, וואָס איך האָב נאָענט געקענט. איינע פון זיי האָט זיך אַריינגעלאָזט אין פּראָסטיטוציע און זיך פאַפּאַדיעט אין תפיסה. אַ צווייטע גאָר טאַלאַנטירטע סטודיאַנטין, אַן אָפּשטאַמיקע פון פוילן, געקומען אַלס קינד מיט אירע

עלטערן קיין רוסלאַנד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט אין אַ פּאַרצווייפלטער מינוט אַליין זיך גענומען דאָס לעבן. און נאָך איינער, אַ בחור, אַ גבר פון ביאַליסטאָק, איז אויסגעגאַנגען פון הונגער מיט אַ יונגן טויט.

פון די לערער האָב איך אין דער סטודיע באַגעגנט דעם פּילאָלאָג ע. פאַלקאָוויטש. אויך דאָברושין איז דאָ אַרויפגעקומען, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף זיין שטעקן. ער האָט דורך דער צייט זיך שטאַרק פאַרעלטערט. נישט געקוקט אויף דעם גאָרנישט באַגייס־טערנדיקן איינדרוק, וואָס די סטודיע האָט אויף מיר געמאַכט, האָט דער „פאַרפאַלענער" בעל חלומות ווידער געהאַט חשק זיך אָוועק־צוזעצן אויף דער שול־באַנק, כאָטש ער האָט זיך שוין דאָ נישט אַריינגעפּאַסט לויטן עלטער.

נאָכן אָפּזעגענען זיך מיט דער שול, בין איך אַוועק צום „פאַרבאַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן". דורכקרייצנדיק די פּושקין־גאַס, האָב איך באַמערקט פאַרבייגיין דעם באַקאַנטן שרייבער פון פּוילן לעאָ פינקעלשטיין. דאָס איז געווען אין סוף חודש מערץ. אין דרויסן איז נאָך גאַנץ קאַלט געווען. כ'האָב געדענקט פינקעלשטיינען פון דער צייטשריפט „פאָרויס" וואָס ער האָט רעדאַקטירט אין וואַרשע מיט דעם בונדישן קולטור־טוער ל. האָדעס. האַרט פאַר דער מלחמה בין איך געגאַנגען צו אים מיט מיינע לידער. דער אָנפאַנגער האָט בושת פּנימדיק אָנגעקלאַפּט אין טיר פון רעדאַקציע. געעפנט האָט זי מיר פינקעלשטיין אַליין און גאַנץ העפלעך געלאָזט מיר וויסן, אַז דער רעדאַקטאָר איז איצט נישטאָ. אין מיינע צייטן איז אין פּוילן געווען אַן אָנפּלייץ פון יונגע דיכטער, צווישן זיי גאַנץ טאַלאַנטירטע, ס'רוב פון דער פּראָווינץ. מסתמא, האָט אין יענעם טאָג שוין נישט איין גראַמען־פלעכטער ביז מיר אַרויסגעבערענגט דעם רעדאַקטאָר פון געדולד. איך בין אַראָפּ פון די טרעפּ ווי אַן אָפּגעשמיסענער. קורץ נאָך דער מלחמה, בעת איך האָב געאַרבעט

אַלס קאַרעקטאַר אין לאַדזשער „דאָס נייע לעבן" און אין „יידישע שריפטן" ווו פינקעלשטיין האָט פאַרעפנטלעכט זיינע קריטיש־פאַרשערישע אַרטיקלען, איז מיר אויסגעקומען גאַנץ אָפט אים צו זען. ווען ער האָט אימיגרירט אין די שטאַטן, איז ער אַ צייט שפּעטער אַראָפּגעקומען קיין טאָראָנטאָ געבן אַ פאָרטראַג וועגן דער יידישער ליטעראַטור אין סאָוויעט־רוסלאַנד. נאָכן ענדיקן דעם רעפעראַט, בין איך צוגעגאַנגען אים מקבל פנים זיין. ער האָט מיט מיר זיך האַרציק צעקושט.

אַז מיר דערציילן שוין וועגן די חבלי לידה פון אונדזער אַמאָליקן ליטעראַרישן אָנהויבער, איז גאָר כדאי צו דערמאָנען איינעם פון אונדזערע וויכטיקסטע קולטור־בויער און שעפער, נחמן מייזיל.

אין יענער צייט פלעג איך אַמאָל בחיל רעדה אַריבערטרעטן די שוועל פון דער רעדאַקציע „ליטעראַרישע בלעטער". איך האָב צום רעדאַקטאָר פון דער וואָכנשריפט נ. מייזיל שוין פון לאַנג געהאַט אַוועקגעשיקט מיינע לידער מיט אַן אָנגעטאָקט בריוול וואָס איז, צו מיין ביטערער אַנטוישונג, געבליבן אָן אַן ענטפער. ערשט זייענדיק אין קאַנאַדע, האָט ער מיך מקרב געווען. מייזיל האָט דער ערשטער אָנגענומען מיינע לידער צום דרוקן אין דער ניו־יאָרקער „יידישע קולטור". דער קריטיקער האָט אויפגענומען מיט סימפּאַטיע מיין באַשיידן בענדל לידער „אין וואָגל", וואָס איז אין 1948 דערשינען אין קאַנאַדע. אונטער זיין רעדאַקציע זענען אויך דערשינען מיינע דערציילונגען „אין לאַנד פון אוזבעקן" (פעבר. 1950), „מיטן עשאַלאָן" (פעבר. 1951), „געבליבן הינטער־שטעליק" (יולי 1951), און אויך אַריינגענומען עטלעכע פון מיינע לידער אין זיין גרויסאַרטיקער אַנטאָלאָגיע „אַמעריקע אין יידישן וואָרט" (ניו־יאָרק 1955). צו באַקומען פון מייזלען אַ בריוול איז געווען אַ זכיה, אַ מין באַשטעטיקונג אויף ליטעראַרישער סמיכות.

איינער פון אַ סך

אָט איז איינע פון זיינע דערמוטיקנדיקע תשובות צום פאַרצייכענער פון אָט די נאָטיצן:

ניו־יאָרק, דעם 19טן יוני, 1951

ליבער חבר ש. מיצמאַכער, —

ערשט איבערגעלייענט אייער דערציילונג „געבליבן הינטער־שטעליק" און געגעבן זי זעצן. פיין געשריבן. מער נישט דער צווייטער עפּיזאָד מיטן באַזוך ביים בעל גוף איז נישט גוט אַריינגע־פלאָכטן אין דער דערציילונג. אָבער פאַרפאַלן, געלאָזט עס ווי עס איז.

אַזוי לייענט זיך עס גוט, פיינע שילדערונגען און אויך האַרציק געשריבן.

שוין צייט אָנצושרייבן אַ דערציילונג פון קאַנאַדער לעבן. טוט עס גלייך. די דערציילונג קומט אַריין אין יולי־נומער.

גריסט אייער פרוי.

מיט פריינדשאַפט
אייער
נחמן מייזיל.

צווישן די געציילטע, וועלכע האָבן באַמערקט מיינע שרייבע־רישע אָנהויבן, איז געווען נאָך אַ וויכטיקע קולטור־פּערזענלעכקייט פון יינגערן דור — דער היסטאָריקער און ליטעראַטור־קריטיקער ב. מאַרק. ווער נאָך ווי ער איז אַזוי נאָענט באַקאַנט געווען מיט די מאַטערנישן פון די בעלי חלומות פון מיין צייט? איך האָב געוואָלט זיך ווענדן צו אים מיט אַ בקשה, ער זאָל, אויב מעגלעך, אָנשרייבן אַ וואָרט פאָרויס צו מיין קליינעם באַנד אויטאָביאָגראַפישע פאַר־

צייכענונגען. זיין פריצייטיקער טויט האָט מיין פּלאַן צונישט געמאַכט.

* * *

אין „פאַרבאַנד פון פוילישע פּאַטריאָטן" האָב איך אָפּגעפּילט די קולטור־געזעלשאַפטלעכע אַטמאָספער פון היימישן פוילן. די הויפּט־עסקנים פון דעם אָפּגעראַטעוועטן הייפל פון פוילישן יידנטום זענען געווען דער אויבן דערמאָנטער ב. מאַרק, דער דיכטער ד. ספאַרד, די אַקטריסע אידאַ קאַמינסקאַ און נאָך אַנד. דער כאַראַקטער פון זייער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט האָט זיך אונטערגעשיידט פון דער אַמאָליקער יידישער כלל־טוערײ. זיי האָבן געהאַט אַ חברישן צוטריט צו די גאָר אויבערשטע פירער פון דעם פאַרבאַנד, וועלכע האָבן געבילדעט דעם קערן פון דער שפּעטערדיקער, נייער רעגירונג אין פוילן. נאָך קנאַפּע טויזנט יאָר האָט דער קליינער, אָפּגעראַטעוועטער מיעוט פון איבער דריי מיליאָן פוילישע יידן ערשט געזאָלט באַקומען פולע גלייכבאַרעכטיקונג. און מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער איז אָט די נייע גלייכבאַרעכטיקונג אַזוי חוצפּהדיק־אומפאַרשעמט געטראָטן געוואָרן מיט די פיס.

צווישן עולם אין פאַרבאַנד האָב איך אין אַ רוסישער קוטשמע דערקענט דעם שרייבער אַ. קאַגאַנאָווסקי. ער האָט מיט אַ פאַרטרויערטן בליק אָבסערווירט די פאַרוואָגלטע פוילישע יידן, וואָס פיל פון זיי האָבן פון די פאַרוואָרפנסטע געגנטן זיך קוים דערשלאָגן קיין מאָסקווע. דאָס זענען מער נישט געווען די טיפּן און פיגורן פון וואַרשע, וואָס ער האָט קינסטלעריש פאַראייביקט אין זיינע פיין געשריבענע נאָוועלן פון פאַר דער מלחמה. די יידן זענען דאָ אַרויפגעקומען נאָך אינפאָרמאַציע און הילף, ווו זיי האָבן אָנגעטראָפן אויף ברידערלעכער באַציונג.

די צייט איז נישט געשטאַנען. איך האָב אין מאָסקווע נאָך

געדאַרפט איבערגעבן אַ גרוס דער אַלטער מוטער פון מיין באַקאַנטן לענינגראַדער פּראָפעסאָר. אָבער פריער האָב איך געוואָלט באַזוכן דעם שניידער־אַרטעל, ווו עס זענען געווען באַשעפטיקט עטלעכע צענדליק נאָדל־אַרבעטער פון פּוילן. אַריינקומענדיק אין דער סביבה פון עמך שער־און־אייזן, איז מיר ווי וואַרעמער געוואָרן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך האָב די זעלבע פּנימער שוין געזען אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אין וואַרשע, לאָדזש, קראָקע און טורנע. פיל פון זיי האָבן אין יענער שטורעמדיקער צייט געקוקט מיט יוגנטלעכן גלויכן אין דער צוקונפט. זיי האָבן אומעטום מיטגעטראָגן מיט זיך דאָס בוך, אויסנוצנדיק יעדע פרייע שעה אויף צו לייענען און שטודירן. איצט איז אויף זייערע פּנימער געלעגן דער שאָטן פון טרויער און פאַרצווייפלונג.

פאַר מיין אָפּפאָרן צוריק קיין לענינגראַד, האָב איך נאָך באַוויזן זיך אַריינצוכאַפּן אין יידישן מלוכה־טעאַטער צו זען די אויפפירונג „פריילעכס”. דאָס איז געווען אַ הייטערע פאָרשטעלונג, אויסגעפילט אין גייסט פון לא אמות כי אחיה. איך בין נאָך אַ נאַכט דורכגעשלאָפן אין מאָסקווע און צומאָרגנס אַוועק צום פּראָ־פעסאָרס מוטער. זי האָט געווינט צוזאַמען מיט איר ייִנגסטער טאָכטער. די זקינה האָט מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ מיר דערציילט וועגן דעם אומקום פון איר באַליבט אייניקל גרישאַ, אַן אויסגעצייכנטער סטודענט. בעת די דייטשן האָבן נעענטער זיך גערוקט אויף מאָסקווע, האָט אַ טייל פון דער משפּחה זיך עוואַקויִרט. זיי זענען געווען עטלעכע פרויען מיט גאָר יונגע קינדער. די מענער האָט מען מאָביליזירט צו גיין אויפן פראָנט. דער זיבעצניעריקער בחורעץ איז נישט שווה געווען מיט זיין געוויסן, וואָס ער פאַרלאָזט די פון שונא באַדראָטע הויפּטשטאָט און זיך אומגעקערט פון מיטן וועג אַוועקצוגיין מיט פיל אַנדערע זי פאַרטיידיקן. די 79 יעריקע סימע גינזבורג האָט מיר פאָרגעזונגען אַ ליד, וואָס זי האָט אַליין

געשאַפן לכבוד איר העלדיש אייניקל. איך גיב דאָ איבער די לעצטע סטראָפן פון דעם ליד נוסח פּאָלקסמאַטיוו, וואָס זי האָט געזונגען מיט דער מעלאָדיע פון „הער נאָר דו שיין מיידעלע".

„אַך, דו שיינער יונגעלע,
אַך, דו ליבער יונגעלע,
ווו ווערסטו פאָרן אין אַזאַ וויטן וועג?
— איך וועל גיין אין אַלע גאַסן,
און וועקן מענטשן פון אַלע קלאַסן,
מען זאָל דעם קוילער קוילענען,
נאָר דעם רשע אויסהאָבן.

אַך, דו שיינער יונגעלע,
אַך, דו ליבער יונגעלע,
ווי האָסטו ניט רחמנות אויף דיין טייערער מאַמען?
— אויף מיין טייערער מאַמען האָב איך שטאַרק רחמנות,
נאָר מיך עסט דער פּיין פון מיליאָנען אַלמנות
און פון קליינע קינדערלעך.
מיין יונג האַרץ ווערט מיר צעריסן
און עס עסט מיך מיין געוויסן,
איך קאָן שוין מער נישט אויסהאַלטן".

הגם די טאָכטער איז אין איר קולטור־באַנעם שוין ווייט געווען פון המונישע השגות, דאָך, האָט זי, ווי איך האָב באַמערקט, געשעפּט הנאה פון דער מאַמעס שאַפונג.

* * *

אין דרויסן איז געשטאַנען אַן אָנהויב־זומערדיקער טאָג. „אַלע זאַכן" זענען ביי מיר שוין געווען פאַרפאַקט, נאָר זיך אַריינצוזעצן אין עשאַלאָן און פאָרן „אַהיים". איך בין אַוועק זיך געזעגענען מיט מאַריע גריגאָריעוונאַ און איר באַדאַנקען פאַר דער גוטער באַהאַנדלונג, וואָס זי האָט מיר אַרויסגעוויזן אין משך פון דער צייט וואָס איך בין ביי איר געווען אַ יוצא ונכנס. נעבן הויף־אַריינגאַנג האָט מיך פאַרהאַלטן אַ שכנה. — איר גייט צו מאַריע — האָט זי מיט ווייבערישן נייגיר מיך געפרעגט. זי האָט גלייך מיר אָנגעזאָגט די בשורה, אַז מיט צוויי טעג צוריק האָט מאַריעס מאַן זיך אומגעקערט פון וויטן מזרח. נאָך אַ שאַרפן קידערווידער מיט זיין ווייב, האָט ער, בלייבנדיק אַליין אין הויז, זיך אויפגעהאָנגען. אַ פראָסט איז מיר דורכגעלאָפן איבערן לייב. דאָס האַרץ האָט אין מיר אָנגעהויבן קלאַפּן ווי ביי אַ גזלן. אָפּרייסנדיק זיך קוים פון אָרט, בין איך צוריק אַוועק אויף דער צוזאַמענוווינונג. איך האָב אין גרויס איילעניש אַ כאַפּ געטאָן מיין אָרעם ביסל פאַרמעג און געלאָזט זיך צום וואָקזאַל, בכדי דאָרט איבערצוּוואַרטן די נאַכט ביז דער צוג וועט אָפּגיין צו דער גרענעץ.

אין פינף מינוט בין איך שוין געשטאַנען ביים ראָג רעשעטניקאָוואַ. פון אַקעגנאיבער, ווו עס געפינט זיך דער אַנדערער פליגל פון דעם זאַוואָד „עלעקטראָ־סילאַ", זענען מיר אַנטקעגנגעקומען די דייטשישע געפאַנגענע, געפירט פון דער זעלבער ווייבערישער וואַך. מיר האָט זיך אויסגעוויזן ווי דער ברוינער מאָנסטער האָט נאָך נישט אין גאַנצן פאַרלוירן זיין מעכטיק־ווילדן כוח. אָט דערנעענטערט ער זיך צו מיר און וויל מיך פאַרניכטן. איך האָב מיט אַ פאַרצאָרנטן בליק אַריינגעקוקט אין זייערע פאַרשטיינערטע פּנימער. עס האָט מיך באַהערשט אַ פאַרבלענדניק געפיל פון נקמה. דאָס האָבן זיי דאָך די וועלט געלאָזט אין חורבות! פאַרטרונקען אין

בלוט אַ דריטל פון מיין פאָלק און מיך קיילעכדיק פאַריתומט. ווו זאָל איך איצטער זיך קערן און ווענדן?

דאָך האָט אַ טליענדיקער פונק פון האָפענונג נישט געלאָזט מיך אַריינפאַלן אין ייאוש און גערופן צום לעבן.

דער טליענדיקער פונק פון האָפענונג איז אָבער גלייך פאַרלאָשן געוואָרן, ווי נאָר איך האָב באַטראָטן די פוילישער ערד.

די ערשטע טעג נאָך מיין אָנקומען מיט דער רעפּאַטריאַציע קיין לאָדזש. שוין נאָך דער מפּלה פון די דייטשן, זענען אין פוילישע שטעט נאָך פאָרגעקומען אָפענע יידן־מאָרדן. דער קעלצער פּאָגראָם האָט געוויזן, אַז געוויסע פּאָלאַקן זענען גרייט אויסצוראָטן די לעצטע שרידים פון פוילישן יידנטום. עס איז געווען אַ מורא זיך אַרויסצורירן אונטערוועגנס. איך האָב אָבער געוואָלט כאָטש איינמאָל אַ קוק טאָן אויף די פאַרבליבענע חורבות פון מיין היים.

און אָט שטיי איך איצטער פאַר דער „אָפּטער בראָם”. דורך דאַנען האָט די אויסברוקירטע גאַס געפירט צום אַסטראָוועצער וועג. אַמאָל איז דאָ פול געווען מיט פורמאַנקעס, דראָזשקעס, און טעקסיס וואַרטנדיקע אויף סוחרים־פּאַסאַזשירן וועלכע זענען ס׳רוב געפאָרן אין דער גרעסערער שטאָט מאַכן מסחרים. די באַלעגאָלישע קולות האָבן געשפּאָלטן די לופט. איצט האָבן בלויז מיינע טריט אָפּגעקלונגען אין דער וויסטער שטילקייט. נעענטער צו דער ברייטער גאַס האָט זיך געשפּרייט דער חורבן. בלויז עטלעכע מויערן זענען געבליבן גאַנץ. צווישן זיי דאָס הויז, ווו עס האָט זיך געפונען אונדזער דירה. איך האָב מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אַרויפגעשטאַפּלט דורך די טרעפּ צו דער טיר. זי איז געווען פאַרהאַקט און באַוואָרנט, מען זאָל זי נישט קאָנען עפענען. אַריינקוקנדיק דורכן פענצטער וואָס איז אַרויסגעגאַנגען צום קעגנאיבערדיקן מויערל, האָבן זיך געוויזן נאַקעט־אָפּגעריסענע ווענט. קיין מינדסט איבערבלייבעניש אין שטוב, גלייך מיר וואָלטן דאָ קיינמאָל נישט געוווינט. די

שטילקייט האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק. פון אונטערשטן גאָרן האָט עמעצער געהערט מיינע טריט. אַ בייזער ווונדער. אין שכנא אָרענשטיינס דירה האָט גאָר געוווינט באַנק דער שוסטער. אויף מיין פראַגע צי ער ווייסט עפּעס וועגן מיינע נאָענטסטע, איז דער ענטפער געווען קורץ און אָפּפּטרנדיק, ווי ער וואָלט מיר צו וויסן געגעבן, איך זאָל פון דאַנען וואָס גיכער זיך אָפּטראָגן. אָפּשטעלנדיק זיך אַ ווײַלע אויף דעם היימישן בריקל וואָס פירט צום איוואַנסקער וועג, איז מיר אַנטקעגנגעקומען יוזעק ראַמוס, וועלכער האָט תמיד געיאָגט זיך נאָך ייִדישע מיידלעך און גערעדט צו זיי ייִדיש. ער האָט שטום געקוקט אויף מיר, ווי ער וואָלט געפילט זיך אין עפּעס שולדיק... און אפשר איז דאָס געווען בלויז אַ מאַסקע ? — אַ ניכטערער געדאַנק האָט מי ראונטערגעזאָגט, אַז כ׳דאַרף וואָס גיכער אַוועק פון דאַנען. איך האָב אָבער געוואָלט כאָטש אַ בליק טאָן צום הויז ווו ס׳האָט געוווינט מיין עלטסטע שוועסטער מיט איר קליינער משפחה. הערנדיק ווי עמי־צער פּאַרקעט זיך אין דער בוידעמדיקער טונקלעניש, האָט די קריסט־לעכע שכנה אויפגעקייטלט די טיר. די פּאַרזעסענע מויד האָט מיך דערקענט. — יעזוס מאַריאַ! — האָט זי אַ פּאַרצאַפּלטע עטלעכע מאָל זיך געצלמט. זי האָט נישט געלאָזט מיך אַריבערטרעטן איר שוועל, טאָמער וועל איך דערקענען דאָס אָנגערויבטע גוטס פון מיין שוועסטער. יאָגן זיך נאָך שטוביקע חפצים האָט פאַר אַן אויס־געוואָרצלטן מענטשן נישט קיין זין. דער צוועק פון מיין איצטיקן קומען אַהער איז דאָך, דער עיקר, געווען אַרויסצונעמען אַ מעטריקע פאַר אַן אויסלענדישן פּאַס. דער פּאָליטישער מצב אין לאַנד איז דערווייל נאָך געווען אומזיכער. די לופט פאַרפּעסטעט. איך האָב געגרייט זיך אַרויסצופאָרן פון פוילן.

טאָראָנטאָ, סעפּטעמבער, 1968.